№ 62 | Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem | פרייז 20 גראשען | Lodzer Tageblat

לאָדזער טאַגעבלאַט

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: פּיעטריקאָווער 16.
טעלעפאָנען: פון רעדאַקציע 57, פון אדמיניסטראַציע 47.
מיטוואָך, א' אדר ב' תרפ"ט. | 13 marca 1929 r. | 22־טער יאהרגאַנג.

מאַרשאַל פּילסודסקי וועגען יודען

פּילסודסקי איז אַדורכגעדרונגען מיט אויפריכטיגער סימפּאַטיע צו יודען, אָבער פּוילען האָט צופיל יודען

פּראַג, 12. מערץ. (יטא) די בעקאַנטע שריפטשטעלערין און קעמפּערין פאַר פרויען־עמאַנציפּאַציע קארין מיכאַעליס האָט אָפּגעדרוקט אין „פּראַגער טאַגעבלאַט“ איהר געשפּרעך, וואָס זי האָט געהאַט מיט'ן מאַרשאַל פּילסודסקי אין פריהלינג 1927, בעת איהר בעזוך אין וואַרשא.

בעת'ן דערמאָנטען געשפּרעך איז צווישען אַנדערען אויך בערירט געוואָרען די יודען־פראַגע.

מאַרשאַל פּילסודסקי האָט ערקלערט, אַז ער איז אַדורכגעדרונגען מיט אויפריכטיגער סימפּאַטיע צו יודען. צווישען מיינע נאָהנטע פריינד — האָט ווייטער ערקלערט מאַרשאַל פּילסודסקי — געפינען זיך וואונדערבאַרע יודען. אויך מיין ערשטע פרוי איז געווען אַ יודישע.

פּוילען האָט אָבער צופיל יודען, צופיל אָרימע, גאָר אָרימע יודען. קראַנקע, דעגענערירטע יודען, אונפעהיגע צו לאַנד־אַרבייט. דערביי שטראָמען די יודען אין די גרויסע שטעט. די שטעט ווערען זיך אָבער נעהנען אַ צו־גרויסען יודען־צושטראָם.

פּוילען האָט אין זיין צייט אַריינגעלאָזט צו זיך די יודען, וואָס זענען געווען פערפאָלגט און געטריבען דורך די שכנ'ישע לענדער. איצט ליידען דערפון ביידע צדדים, סיי די יודען און סיי די פּאָליאַקען. בעזונדערס דער פאַקט, וואָס יודען זענען אונפעהיג צו ערד־אַרבייט, בערויבט זיי פון אַ פעסטען באָדען אונטער די פיס.

אויף דער אָנווייזונג פון קארין מיכאַעליס, אַז די יודישע היימלאָזע פון רוסלאַנד, וועלכע האָבען זיך בעזעצט אין דענעמאַרק אָהן שום פערמעגען זענען דאָרט פערוואַנדעלט געוואָרען אין מיטלגע בירגער אַ דאַנק דער סיסטעמאַטישער הילף, וואָס איז זיי אין אַנהויב געגעבען געוואָרען, האָט מאַרשאַל פּילסודסקי געענטפערט, אַז עס איז לייכט צוזאַמענצולעבען זיך מיט יודען, ווען זיי בילדען אַ קליינע צאָהל, עס ווערט אָבער שלעכט, ווען עס קומט אויס צוזאַמענצולעבען זיך מיט צופיל יודען.

מאַרשאַל פּילסודסקי בעטראַכט די גרויסע פּראָצענטצאַהל פון יודען פאַר אַ גרויסען נאַציאָנאַלען פעהלער.

קארין מיכאַעליס דערצעהלט ווייטער, אַז איהר געשפּרעך וועגען יודען האָט זי אָנגעהויבען מיט דער פראַגע, צו עס פּאַסט צו בעטייליגען זיך אין אַנ'אויפנאַהמע ביי יודישע שריפטשטעלער, ווייל איהרע פּוילישע פריינד האָבען זי געגעט, אַז זי זאָל נישט אָננעמען די איינלאַדונג פון יודישען ליטעראַטען און זשורנאַליסטען־פעראיין אין וואַרשא, וועלכער האָט זי פערבעטען אויף אַ גלעזעל טיי.

איהרע פּוילישע פריינד האָבען ספּעציעל בעשטימט פאַר איהר אויף דעם זעלבען אָוענד די אויפנאַהמע ביים מאַרשאַל פּילסודסקי. כדי זי זאָל זיך נישט קאָנען בעטייליגען אין דער אויפנאַהמע אין יודישען ליטעראַטען־ און זשורנאַליסטען־פעראיין.

פרוי מיכאַעליס האָט זיך אָבער אין דער אויפנאַהמע יאַ בעטייליגט און דעריבער האָט זי זיך פערשפּעטיגט צו דער אוידיענץ מיט אַ שעה צייט.

ענגלישער קרוינפּרינץ־רעגענט פון ענגלאַנד

בערלין (סב.) די „מאָסקאָווסקאַ צייטונג“ טיילט מיט פון לאָנדאָן, אַז די ענגלישע רעגירונג האָט בדעה צו בעשטימען דעם ענגלישען קרוינפּרינץ אַלס רעגענט פון ענגלאַנד. דער דאָזיגער בעשלוס זאָל זיין אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס די דאָקטוירים האָבען פערבאָטען דעם קעניג צו פערנעהמען זיך מיט מלוכה'שע ענינים אין משך פון אַ האַלב יאָהר צייט, און אויך צוליב דעם, וואָס עס איז מעגליך, אַז דער פּערסאָנעלער צוזאַמענשטעל פון דעם רעגענטען־ראַט זאָל נאָך די וואַהלען געענדערט ווערען, מחמת דער פּרעמיער באַלדווין, וואָס געהער צום רעגענטען־ראַט קען געהן אין דימיסיע. די דאָזיגע סיבות זאָלען האָבען בעוואויגען די רעגירונג צו בעשטימען אַלס רעגענט פון ענגלאַנד דעם פּרינץ אָף וועלס.

„אָרט“ האָט יאַ איינגעלאַדענט דעם „תרבות“

ענטפער אויף דער ערקלערונג פון דעפּ. גרינבוים.

וואַרשע. (טעלעפאָניש). אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ערקלערונג פון דעפּ. גרינבוים אויף דער זיצונג פון דער יודישער „קאָלאָ“, אַז ער בעדויערט זיין בעגריסען דער „אָרט“, וועלכער האָט איינגעלאַדענט די צענטראַלע יודישע שול־אָרגאַניזאַציע און נישט דעם „תרבות“, האָט די פערוואַלטונג פון „אָרט“ מיטגעטיילט דער יודישער טעלעגראַפען־אַגענטור, אַז „אָרט“ האָט פונאַנדערגעשיקט איינלאַדונגען צו אַלע יודישע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס, דערונטער אויך „תרבות“. עס איז נישט די שולד פון „אָרט“ אויב די איינלאַדונג צום „תרבות“ איז צוליב אַנ'אומבעוואוסטע סיבה נישט צוגעקומען.

פּראָיעקט צו העכערען דאָס דירה־געלד

האָט נישט קיין אויסזיכטען אָנגענומען צו ווערען דורכ'ן סיים.

אויך די דעפּוטאַטען פון ב. ב. געגען פּראָיעקט.—די רעגירונג וועט דעם פּראָיעקט נישט צוריקציהען.

וואַרשא. (טעלעפאָניש) אין די היגע פּאָליטישע קרייזען איז מען כמעט ווי איבערצייגט, אַז דער רעגירונגס־פּראָיעקט וועגען העכערען דאָס דירה־געלד וועט אָפּגעוואָרפען ווערען דורכ'ן סיים. די דאָזיגע איבערצייגונג שטאַמט דערפון, וואָס אַ גאַנץ בעדייטענדער טייל פון די ב. ב.־דעפּוטאַטען זאָגען זיך אויך אַרויס קאַטעגאָריש געגען רעגירונגס־פּראָיעקט.

די רעגירונג געפינט זיך אין אַ פּאַראַדאָקסאַלער לאַגע: געגען איהר פּראָיעקט מאָביליזירט זיך איהר אייגענער לאַגער.

עס האָבען זיך צוליב דעם טאַקע פערשפּרייט קלאַנגען, אַז די רעגירונג האָט בדעה צוריקצוציהען דעם פּראָיעקט. די דאָזיגע קלאַנגען האָבען זיך אָבער אַרויסגעוויזען פאַר נישט ריכטיג. נישט קוקענדיג אויף אַלעם האַלט די רעגירונג ווייטער אונטער איהר פּראָיעקט.

פון אָפיציעלע קרייזען ווערען אויך אָפּגעלייקענט די קלאַנגען, אַז דער מחבר פון דאָזיגען פּראָיעקט איז דער פּרעמיער באַרטעל. פּרעמיער באַרטעל איז נאָר געווען פאָרזיצענדער פון די זיצונגען, אויף וועלכע דער פּראָיעקט איז בעטראַכט און אָנגענומען געוואָרען.

אנגעהויבען זיך די רעוויזיע פון פּראָצעס

געגען יודישען סטודענט האַלסמאַן

ווינע, 12. מערץ. (יטא) אין אויבערשטען געריכט האָט זיך היינט אָנגעהויבען די רעוויזיע אינ'ם פּראָצעס געגען יודישען סטודענט האַלסמאַן פון ריגא, וואָס איז פעראורטיילט געוואָרען דורכ'ן אינסבּרוקער געריכט אויף 10 יאָהר תפיסה פאַר מכלומר'שט ערמאָרדען זיין פאָטער.

דער בנין פון געריכט איז אַרומגערינגעלט פון אַ וואַך־קאָרדאָן, אויס מורא פאַר עווענטועלע אַנטיסעמיטישע דעמאָנסטראַציעס. סך־הכל זענען פערטיילט געוואָרען 50 איינטריטס־קאַרטען. פאַר זשורנאַליסטען און זשורנאַליסטען, בעזונדערס פון אויסלאַנד. צום פּראָצעס זענען געקומען האַלסמאַנ'ס מוטער און שוועסטער אָנגעטאָן אין טרויער.

דער פאָרזיצענדער פון פּראָצעס איז דער ראַט פון אינסבּרוקער געריכט לאַנדוואַסער. פערטיידיגער ד"ר פּרעסבורגער און ד"ר ראָזענטאַל פון בערלין, וואָס האָט אויך זיך פריוויליג גענומען די פערטיידיגונג.

אלכסנדר ולאה הרשקוביץ
חברינו היקרים!
מזל טוב לכם!
בהולד לכם בתכם הבכורה.
תזכו לגדלה בת נאמנה, לאם המולדת.
אגודת המתלמדים הציונים
בוריה (בלגיה)

נאָך לאַנגע און שווערע ליידען איז געשטאָרבען אונזער לאַנגיעריגער מיטגליד
נ"ע אפרים פישל ראַקאַטש
צו דער לויה, וואָס קומט פאָר היינט מיטוואָך 2 אַזייגער נאָכמיטאָג ווערען געבעטען אַלע מיטגלידער פּינקטליך צו קומען.
די פערוואַלטונג
פון יובעליר, זייגערמאַכער און גראַווער־פעראיין

דרינגענדער אויפרוף!
צו אַלע סוחרים און פאַבריקאַנטען נישט צו שיקען פרייטאָג נאָך 12 קיין סחורה צו די עקספּעדיטאָרען, ווייל עס איז בעשלאָסען ביי אונז פון היינטיגען שבת אָן מעהר נישט צו עקספּעדירען שבת אַלזאָ בעטען מיר זעהר אויף אונז רחמנות צו האָבען און אונז נישט צו צווינגען צו קיין חלול שבת קודש.
אַ גרופּע עקספּעדיטאָרען

מודעה החרבינאַט ושומרי ומזהירי שבת
צו אַלע עקספּעדיטאָרען פון לאָדז אַזוי ווי מעהרערע האָבען זיך שוין געח'חתמ'עט און אויף זיך שטרענג גענומען מעהר נישט ח"ו מחלל שבת צו זיין אַזוי בעטען מיר די אַלע עקספּעדיטאָרען, וועלכע נאָך נישט אונטערגעשריבען האָבען, זאָלען אויך אונטערשרייבען און זיך גערן אנשליסען.
ועד הרבנים עם שומרי ומזהירי שבת

פריוואַטע טאַנץ שולע
פון די נייסטע טענץ
דיפל. לעהרער י. ווינטרויב
נעמט אָן איינשרייבונגען אויף איינצעלנע לעקציעס ווי אויך אין קאָמפּלעטען יעדען טאָג פון 10 פריה ביז 10 אוו.
44 קילינסקיעגאָ 44
2־טער הויף פּאַרטער
די לעקציעס קומען פאָר אונטער דער פערזענליכער לייטונג פון י. ווינטרויב
בעמ. אַסיסטענט — רוטינירטער טענצער זשאַן־קינג

Dr. med. Albert Gotlib
אַקושער און ספּעציאַליסט פון פרויען־קראַנקהייט
פּיעטריקאָווער 26, טעלעפ. 77־50
נעמט אָן פון 8—10 און פון 4 ביז 7 אָוענד.

Dr. med. Z. Datyner
ספּעציאַליסט פאַר נירען־ בלאָז און אורין־וועגן
Piramowicza 11 (פריהער אַלגיגאָסקע)
Tel. 48-08.
נעמט אָן פון 8 ביז 10 פריה. און 6—8 אָוענד.

Dr. Wołkowyski
צעגיעלניאַנאַ 25
טעלעפאָן 26-87
ספּעציעל־אַרצט פאַר הויט־, ווענערישע קראַנקהייטען און מענער־שוואַכקייט. אַלע־אַרט אַנאַליזען
בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ־שטראַהלען.
נעמט אָן פון 8—10, 12—2 און 4—8 אָוענד.
בעזונדער וואַרטע־זאַל פאַר פרויען.

Dr. DONCHIN
צוריקגעקעהרט אין לאַנד
ספּעציעל־אַרצט פאַר אויגען־קראַנקהייטען
נעמט אָן טעגליך פון 10—1 און פון 4—7 נאָכמ.
זונטאָג — פון 10—1 נאָכמ.
מאָניושקי 1 Moniuszki טעל. 90-97

ELEKTROWNIA

wobec zbliżającego się sezonu budowlanego zawiadamia swych obecnych, jakoteż przyszłych odbiorców energji elektrycznej dla celów oświetleniowych, że wykonywa wszelkie roboty związane z **urządzeniem pionów.**

W celu ułatwienia nowym odbiorcom przyłączenia do sieci, ogólny koszt pionu, obliczony **po cenach kosztów własnych,** przypadający na poszczególnego nowego odbiorcę Elektrowni, podzielony będzie **na spłaty do 10-ciu miesięcy,** bez oprocentowania, Spłaty te mogą być uiszczane łącznie z należnością za dostarczaną energję elektryczną.

W wypadkach konieczności przeróbki pionów z powodu ich przeładzenia, jak również ich stanu nieprzepisowego, co wpływa na niedostateczną wydajność oświetlenia, Elektrownia wykonuje także przeróbki na wyżej podanych warunkach.

Również wykonuje mniejsze urządzenia oświetleniowe, oraz sprzedaje różne aparaty elektryczne na spłaty kilkumiesięczne,

DYREKCJA
Łódzkiego Towarzystwa Elektrycznego, Sp, Akc.

נאָך לאַנגע און שווערע ליידען איז געשטאָרבען מיין ליבער מאַן, אונזער היסגעליבטער פאָטער, שווינגערפאָטער און גרויספאָטער
נ"ע
אפרים פישל ב"ר משה אהרן ראַקאַטש
אין עלטער פון 62 יאהר
די לויה קומט פאָר היינט מיטוואָך 2 אַזייגער נאָכמ. פון טרויער־הויז, ווסכאָדניאַ 33, וועגען וואָס עס טיילט מיט אין גרויס צער
די טיפטרויערנדע פאַמיליע

Dr. med. Adam BENDER
Przejazd 30, Telef. 54-68.
ספּעצ. פאַר אינערליכע און האַרץ־קראַנקהייטען
נעמט אָן פון 5—7 נאָכמיטאָג.
0089

Dr. med. A. Mazur
ספּעציעל־אַרצט פאַר אויערן, נאָז און האַלז־קראַנק
ווי אויך שטים און שפּראַך־פעהלער
ווסכאָדניאַ 65
איינגאַנג אויך דורך פּיעטריק. 46 טעל. 66-01

בעקאַנטמאַכונג.
אין מיין ערשטקלאַסיגען הערען און דאַמען־פריזיר־אַנשטאַלט זענען די פרייזען ערמעסיגט געוואָרען

מענער־סאַלאָן:		דאַמען־סאַלאָן:	
ראַזירען	40 גר.	דאַמען שערען	80 גר.
שערען	80 גר.	קאָפּוואַשען און	
יונגלעך שערען	50 גר.	האָר־טרוקענען	1.50 זל.
עלעק. מאַסאַזש	50 גר.	מאַניקור	70 גר.
קאָפּ־וואַשען	50 גר.	אָנדולאַציע	1 זל.

קומט און איבערצייגט אייך! מיט אַכטונג
ערשטקלאַסיגער פריזיר־אַנשטאַלט
מ. קופּקאַ, פּאָלודניאָוואַ 12

דיקטאטור אין דייטשלאנד?

דיקטאטור אין דייטשלאנד?

בערלין. (ספ.) די „גארדדייטשע אלגעמיינע צייטונג" ברענגט אנ'אלארמירענדע ידיעה, אז גלייך נאך דעם קריסטליכען פסח וועט פרעזידענט הינדענבורג אויפלעזען דעם רייכסטאג און בעשטימען א רעגירונג קאבינעט מיט לויטער'ן אין דער שפיץ. און דאזיגען קאבינעט זאל אויך אריין מינ. גרענער. הינדענבורג זאל זיך דאן ערקלערען אלס דיקטאטאר.

הינדענבורג נעמט אפ א בעריכט וועגען דער זאכקענער־קאנפערענץ אין פאריז

בערלין. (ספ.) ד"ר שאכט, וועלכער איז צוריקגעקומען פון פאריז, וואו ער האט זיך בעטייליגט אלס זאכקענער פון דייטשלאנד אין די זיצונגען פון דער זאכקענער־קאנפערענץ, איז אויפגענומען געווארען דורכ'ן פרעזידענט הינדענבורג, וועלכער האט פון אוהם אפגענומען א בעריכט וועגען גאנג פון די פערהאנדלונגען.

ד"ר שאכט האט אויך אפגעהאלטען איינינגע קאנפערענצען מיט א רייה מיניסטארען.

וואהלען צום ענגלישען פארלאמענט וועלען פארקומען אין מאי.

לאנדאן. (ספ.) דער ענגלישער פארלאמענט וועט פונאנדערגעלאזט ווערען גלייך נאכ'ן קריסטליכען שביעות, די וואהלען צום נייעם פארלאמענט וועלען פארקומען דעם 29. אדער דעם 30. מאי ה. י.

ארעסטירט א גרופע אוקראאינישע סטודענטען אין לעמבערג.

לעמבערג. (טעלעפאניש) אין צוזאמענהאנג מיט דער אויספארשונג וועגען דעם בלוטיגען אנפאל פון איינינגע אוקראאינישע סטודענטען אויף דעם פאסט־בעאמטען, האט די פאליציי פארצייט אדורכגעפיהרט א שטרענגע רעוויזיע ביי אלע סטודענטען, וואס וואוינען אין אוקראאינישען אקאדעמישען הויז אין לעמבערג.

אלס רעזולטאט פון דער דאזיגער רעוויזיע האט מען ארעסטירט א גרופע אוקראאינישע סטודענטען.

מ'טאר נישט איבערשרייטען דעם בודזשעט

אזא צירקולאר האט פרעמיער בארטעל פונאנדערגעשיקט צו די אלע מיניסטארען. — צי האט דאס א שייכות צום ענין טשעכאוויטש?

ווארשא. (טעלעפאניש). אלע מיניסטארען האבען נעכטען דערהאלטען א צירקולאר, אונטערגעשריבען דורכ'ן פרעמיער־מיניסטער אין דעם לייטער פון פינאנץ־מיניסטעריום, ה' גארדזינסקי, אין וועלכען עס ווערט אנגעוויזען אויף דער נויטווענדיגקייט צו מאכען די ווייט־מעגליכסט גרעסטע אפשפארונגען.

אין דאזיגען צירקולאר ווערען די מיניסטארען אויפגעפאדערט זיך צו האלטען שטרענג אין די ראהמען פון בודזשעט. הוצאות, וואס זיינען נישט פארגעזעהן אין בודזשעט קענען געמאכט ווערען נאר מיט דער הסכמה פון פינאנץ־מיניסטער און מיניסטארען־ראט, און דאס נאר ביי אויסערגעוועהנליכע פאלען, ווי למשל נאטור־קאטאסטראפעס א. ד. גל.

דער דאזיגער צירקולאר האט א בעזונדערע בעדייטונג, נעהמענדיג אין אכט, אז אין דער בודזשעט־קאמיסיע ווערט איצט בעטראכט דער פארשלאג צו שטעלען דעם געוועז. פינאנץ־מיניסטער טשעכאוויטש פאר'ן מלוכה־טריבונאל, ווייל ער האט זיך ערלויבט איבערצושרייטען דעם בודזשעט.

נייער אויפשטאנד אין כינא

די אויפשטענדיגע פערכאפט א גאנצע פראווינץ

מאקיא. (ספ.) דאס מולוטער פון גענעראל משאנג משון משאן האט פערלאפט די שטאט משונפו. און דער שטאט האבען די אויפשטענדיגע גענומען פולע מאנאזונגען מיט געוועהר. די גאנצע שאנטונגער פראווינץ געפינט זיך אוצט אין די הענד פון די אויפשטענדיגע. און משונפו האבען די אויפשטענדיגע אויפגעהויבען די אלטע 5־פארבונגע לינעוןשע פאהן.

רוסלאנד וויל ארויסשיקען 60 טראצקיסטען קיין טערקיי.

קאנסטאנטינאפאל. (ספ.) די סאוויעטען־מאכט האט זיך געווענדעט צו דער אנגארער רעגירונג, אז זי זאל ארויסגעבען איינרייזע־ערלויבנישען פאר 60 טראצקיסטען.

טראמוויי־ארבייטער אין ווארשא צוריק אריינגעטרעטען אין פ. פ. ס.

ווארשא (טעלעפאניש) די טראמוויי ארגאניזאציע פון שטאט־קווארטאל „סטארובקא", וועלכע האט געהערט צו די אזוי גערופענע „רעוואלוציאנערע פראקציע", האט נעכטען צוריק זיך אנגעשלאסען אין די רייהען פון פ.פ.ס. פאר די פערזאמעלטע טראמוויי־ארבייטער האט געהאלטען א רעפעראט דעפ. בארליצקי, נאך וועלכען עס איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציע, אז די ארגאניזאציע שטעמפעלט די בעהאנדלונג פון די יאוואראווטשיקעס אלס אנטי־סאציאליסטיש און שליסט זיך צוריק אן אין צ. ק. פון פ.פ.ס.

א דעפוטאט, וואס וויל שוחד פון דער רעגירונג.

ווארשא. (טעלעפאניש) אויף דער היינטיגער זיצונג פון דער האנדעלס־קאמיסיע ביים סיים האט דעפ. לאנגער (ווזוועלעניע) בעשולדיגט דעם דעפ. מאווארנוצקי אין שאנמאזש. עס האנדעלט זיך נעמליך דערין, וואס דעפ. מאווארנוצקי האט זיך געווענדעט צום סענ. מיקלאשעווסקי, וועלכער איז דער יורידישער ראטגעבער ביי דער רעגירונג, אז ער זאל ביי אוהם אפקויפען א געוויסע צאהל אקציעס פון דער נאפט־געזעלשאפט „פאלמון" פאר 6 מיליענד דאלאר. דערפאר האט דעפ. מאווארנוצקי צוגעזאגט דעם סענ. מיקלאשעווסקי נישט צו מאכען דער רעגירונג קיין שום שוועריגקייטען ביים אובערנעמען די אונטערנעהמונג און איהרע הענד.

סענ. מיקלאשעווסקי האט בעשטעלט דעם דעפ. מאווארנוצקי, ער זאל צו אהם קומען היינט און זיין קאבינעט, און אין דערביי איינגען צימער האט זיך געפונען דעפ. לאנגער, וועלכען סענ. מיקלאשעווסקי האט בעשטעלט אלס עדות. לאנגער האט זיך צוגעהערט צום גאנצען געשפרעך און עס איבערגעגעבען אויף דער זיצונג פון דער קאמיסיע.

דער ענין איז איבערגעגעבען געווארען דעם מארשאלעק־געריכט.

טשעכאסלאוואקישער סענאטאר פערלאזט זיין פארטיי צוליב אנטיסעמיטישע טענדענצען, וואס בעהערשען איהר.

פראג. (יטא) אגער פון די גרינדער און סענאטאר פון דער נאציאנאל־סאציאליסטישער ארבייטער־פארטיי און טשעכאסלאוואקיען, ד"ר פארגער, איז ארויסגעטרעטען פון דער פארטיי. זיין ארויסטריט האט ד"ר פארגער מאטיווירט דערמיט, וואס לעצטענס „איז געלונגען איינינגע פערזאן אונטערצוארדנען די פארטיי אלין מעהר היטלער־טענדענצען און דעם פאשיסטישען געדאנקען־גאנג, כדי צו שאפען וואס שארפערע גרענעצען צו די אנדערע נאציאנאלע גרופען".

ווער האט נעכטען געוואונען אויף דער מלוכה־לאטעריע?

5־טע קלאס 6־טער טאג פון דער ציהונג

50000 זל. נ' 66490
10000 זל. נ' 223199 86346
96481
5000 זל. נ' 15642 55467 117466
8000 זל. נ' 10753 80262 72977
114682 109447 97656 93562
153668
2000 זל. נ' 62970 92278 96093
113808 102887 99678 99192
137905 130840 124 38
1000 זל. נ' 1715 10058 11866

63066 46874 41371 21109 17987
107517 100525 79908 78880
141200 140248 110298 108282
172715 151743
600 זל. נ' 889 4288 7645 9140
28262 21610 19531 14507 11415
48 75 87456 83008 29962 29631
72108 69878 68680 52163 49689
93778 90175 88501 86826 77427
163978 113070 98454 95857
165341

ליטא שרייבט אונטער דעם מאסקווער פראטאקאל

קאוונא (ספ.) די ליטווישע רעגירונג האט בעשלאסען אנצושליסען זיך צום ליטווינאוו־פראטאקאל. נאך היינטיגע וואך וועט א פארשטעהער פון דער ליטווישער רעגירונג אונטערשרייבען דעם ליטווינאוו־פראטאקאל.

עלף יודען ענטדעקט אויף א שיף פון איירפא קיין אמעריקא

אלס בלינדע פאסאזשירען.

ניו־יארק. (יטא) אויף דער שיף „פלואר כטאר" האט די שיף־מאנשאפט געפונען 13 „בלינדע" פאסאזשירען. 11 פון זיי זיינען יודען.

איינינגע פון זיי האבען איבערגעגעבען, אז זיי זיינען פערגראבט געווארען דורך אגענטען, וועלכע האבען זיי צוגעזאגט איבערצופיהרען קיין ארגענטינא. דריי טעג זיינען די 13 עמיגראנטען געווען בעהאלטען אויף דער שיף. דערנאך האט מען זיי געפונען. דער שיפס־קאפיטאן האט וועגען דעם מודיע געווען די אימיגראציע־בעאמטע און מען האט די 13 אפגעווארט אויפ'ן ברעג. אלע 13 וועלען דעפארטירט ווערען פון ראטערדאם, וואו זיי זיינען אויפגעשטיגען אויף דער שיף. דאס איינציגע, וואס מען האט געקאנט טון פאר זיי, איז געווען נעבען זיי געלד און קליידער, ווייל די אגענטען האבען זיי ברלות געשטעלט און זיי געפינען זיך אין גרויס נויט. „היאס" האט זיך געווענדעט צו די קרובים פון די וואנדערער, אבער נישט אלע קרובים האבען זיך אפגערופען.

ליובאוויטשער רבי וועגען מצות־אקציע

פאר די יודען אין סאוויעט־רוסלאנד.

בערלין. (יטא) דא ווילט אוצט דער ליובאוויטשער רבי, וועלכער ארגאניזירט די מצות־אקציע פאר די יודען אין סאוויעט־רוסלאנד.

און א געשפרעך מיט'ן פארשטעהער פון דער יודישער טעלעגראפען־אגענטור האט דער ליובאוויטשער רבי ערקלערט, דאס די סאוויעטישע רעגירונג האט ערלויבט אויף מצות־אריינפיהר און אין אלע טיילען פון סאוויעט־רוסלאנד אויך איבער דעם פרוהער־בעשטימטען קאנטינגענט פון 50 וואגאנען. עס איז דערביי געשטעלט געווארען א בעדינג, אז דער מצות־פונאנדערטייל וועט געפיהרט ווערען אויף וואלטעטיגע און נישט געשעפטליכע יסודות. אזוי ארום איז פאראן א מעגליכקייט צו בעזארגען אויף א לענגערען וועג דאס רוסישע יודענטום מיט מצות. לוידער אבער זיינען די בויז־אינטעגע געלד־סומען אויף דעם צוועק ווייט נישט גענוגענד. 50 וואגאן מצות קאסטען 50.000 דאלאר און דערוויל איז איינגעפלאסען נאר א קלייגער טייל פון דער סומע. דער ליובאוויטשער רבי אפעלירט דעריבער צו די יודען אין דער גאנצער וועלט צו שטיצען די אקציע.

יודישער געלערנטער יעקב פערעלמאן איז לענינגראד

פיהרט אן מיט א גראנדיעזע אונטערנעהמונג פון רוסישע געלעהרטע.

מאסקווא. (יטא) אין לענינגראד האט זיך ארגאניזירט א גרופע בעוואוסטע רוסישע אינזשינערען, וועלכע זיינען צוגעטרעטען מאכען עקספערימענטען מיט דער „צווישען־פלאנעטען־פליה־מאשין", וועלכע דארף געטריבען ווערען דורך א „ראקעטע". דער בעוואוסטער יודישער געלעהרטער און פאפולאריזאטאר פערעלמאן האט געהאלטען א רעפעראט וועגען דער ארבייט פון דער גרופע. לוים זיין מיינונג איז די זאך נישט אזוי פאנטאסטיש, ווי עס קאן זיך אויסראכטען. לוים'ן רעפערענט האנדעלט זיך נאר וועגען: 1) אויסארבייטען דעם מעכאניזם פון דער ראקעטע און 2) וועגען איהר פראקטישער אויסנוצונג. פערעלמאן פלאנט אויסצונוצען די ראקעטע אלס א פליה־אפאראט נישט פון יענער זייט אטמאספערע, נאר דערווייל בלויז אין דער הויך פון 15 ביז 100 קילאמעטער. אויב די עקספערימענטען וועלען זיך איינגעבען, וועט מען קאנען דורך די „סטראטא־ראקעטעס", ווי פערעלמאן רופט זיי, איבערשיקען דעפעשען פון מאסקווא קיין לענינגראד און 2—3 מינוט און איבער דעם אטלאנטישען אקעאן — אין 25 מינוט.

ערשט אין פיל צעהנדליגע יאהר ארום, האט פערעלמאן ערקלערט, וועט מען קאנען אויספערטיגען אזא מין ראקעטע וועלכע זאל פליהען צו די נאהענטע פלאנעטען.

אינדוסטריעלער טרעטען מארגען ארויס פון דער האנדעלס־קאמער.

די קומענדע וואך וועלען פארקומען צוזאב־וואהלען אויפ'ן ארט פון די ארויסגעטרעטענע אינדוסטריעלער

(פ) מארגען אדער איבערמארגען וועט פארקומען א זיצונג פון פרעזידיום פון דער האנדעלס־קאמער, אויף וועלכער די פארשטעהער פון דער אינדוסטריע וועלען אפיציעל ערקלערען, אז זיי טרעטען ארויס פון דער קאמער.

ווי בעוואוסט זיינען די אינדוסטריעלער אונצופרידען, וואס אלס דירעקטאר פון דער קאמער איז בעשטימט געווארען אנגוש. בכלל, וועלכער איז ארויסגעשטעלט געווארען דורך די האנדעלס־קרייזען און דאס איז די סיבה פון זייער ארויסטריט פון דער קאמער.

די קומענדיגע וואך וועט פארקומען א פלענאר־זיצונג פון דער האנדעלס־קאמער, אויף וועלכער עס וועלען פארקומען צוזאב־וואהלען אויפ'ן ארט פון די ארויסגעטרעטענע אינדוסטריעלער.

אכטונג ארבעטסלאזע טעקסטיל־ארבייטער!

אין צוזאמענהאנג דערמיט וואס דער טעקסטיל־פעראיין, ווסכאדניא 70, האט בעקומען א דערלויבניש צו פיהרען א פערמיטלונגס־ביורא דארפען אלע ארבייטסלאזע ווי: שערער, וועבער, זאקענמאכער, שטריקערס, טאמבורירער, שטיקערינס, שטאפערינס, שפולערינס, אנדרייער, טרויבערינס, פארמירער, קעטלערינס א. א. זיך רעגיסטרירען אין פעראיין, טעגליך פון 12—2 בייטאג מיט'ן צוועק צו בעקומען ארבייט.

די פערוואלטונג פון פעראיין אבטיילונג 7 „באף".

סענסאציאנעלע ערקלערונגען פון טשעכאוויטש'ן און פראפ. ווראבלעווסקי

אויף דער זיצונג פון דער בודזשעט־קאמיסיע

ווארשא. (טעלעפאניש) היינט איז פארגעקומען א זיצונג פון דער בודזשעט־קאמיסיע, אויף וועלכער עס איז ווייטער בעהאנדעלט געווארען דער ענין וועגען שטעלען דעם געוו. פינאנץ־מיניסטער טשעכאוויטש פאר'ן מלוכה־טריבונאל.

ווי בעוואוסט, האט די בודזשעט־קאמיסיע אויף איהר לעצטער זיצונג בעשלאסען זיך צו ווענדען צום געוו. מיניסטער טשעכאוויטש ער זאל געבען אויפקלערונגען וועגען די סיבות, וואס האבען אוהם נישט ערלויבט ארייננצוטראגען אין סיים א געזעץ־פראיעקט וועגען די צוזאב־קרעדיטען אויפ'ן יאהר 1927/28. די קאמיסיע האט אויך ארויסגערופען אלס עדות דעם פארזיצענדער פון דער העכסטער מלוכה'שער קאנטראל קאמער ה' ווראבלעווסקי.

ה' טשעכאוויטש איז צו דער זיצונג פון דער בודזשעט־קאמיסיע נישט געקומען, נאר ער האט צוגעשיקט א בריף.

אין דאזיגען בריף מעלדעט מיט ה' טשעכאוויטש, אז דעם 12. פעברואר ה. י. האט ער זיך געווענדעט מיט א בריף צום פרעמיער־מיניסטער, אין וועלכען ער בעט אנצונעמען זיין דימיסיע, וועגען וועלכער ער האט שוין געבעטען דעם 16. נאוועמבער 1928.

אין דערמאנטען בריף צום פרעמיער, וועמענס אפשריפט ה' טשעכאוויטש האט ביישלייגט צום בריף צו דער קאמיסיע, בעגרינדעט דער געוו. פינאנץ־מיניסטער זיין בקשה וועגען דימיסיע דערמיט, וואס ער האלט. אז מ'מוז צושטעלען דעם סיים א געזעץ־פראיעקט וועגען די צוזאב־קרעדיטען אונאפהענגיג דערפון צי די חשבונות וועלען זיין אפגעשלאסען, צי נישט. אויך צוליב'ן פארשלאג פון די לינקע סיים־גרופירונגען וועגען שטעלען אוהם פאר'ן מלוכה־טריבונאל, וועלכער האט שאנסען אנגענומען צו ווערען, ווייל ער זיין אין צושטאנד פון דימיסיע, ווייל א פראצעס געגען א געוועזענעם מיניסטער איז ווענינגער שעדליך פאר דער מלוכה, ווי שטעלען א טעטיגען מיניסטער פאר'ן מלוכה־טריבונאל.

ווען מ'זאל אוהם שטעלען אלס מיניסטער צום מלוכה־טריבונאל וועט דאס בעטראכטעט ווערען אין א העכסט־סענסאציאנעלער געשעהעניש, ווייל אזא פאל איז נאך נישט פארגעקומען אין דער געשיכטע פון אייראפא. דאס וועט פערשאפען דעם לאנד פון אונזערע שונאים אין לאנד און אין אויסלאנד. צוליב די אלע מאטיוון האט ה' טשעכאוויטש געבעטען צום צווייטען מאל מ'זאל אננעמען זיין דימיסיע.

ווען די בודזשעט־קאמיסיע אין דער סיים, ערקלערט ווייטער ה' טשעכאוויטש אין זיין בריף, וואלטען נישט געגעבען צו קענטניש די ערקלערונגען פון פרעמיער בארטעל, אז ער וועט צושטעלען אזא פראיעקט, וואלט איך צוגעאייטלט מיין בקשה וועגען דימיסיע.

נאכ'ן בריף פון ה' טשעכאוויטש טרעט צו די קאמיסיע אויסצוהערען די ערקלערונגען פון פראפ. ווראבלעווסקי, וועלכער איז ארויסגערופען געווארען אלס עדות. פראפ. ווראבלעווסקי'ס ערקלערונגען זיינען העכסט סענסאציאנעל. ער טיילט נעמליך מיט, אז אין יאנואר 1928 האט ער זיך געווענדעט צו דער רעגירונג נאך אויפקלערונגען וועגען די געמאכטע הוצאות אין יאהר 1927/28, אבער ער האט דערויף קיין תשובה נים בעקומען. ווייטער טיילט פראפ. ווראבלעווסקי מיט, אז פון נאוועמבער 1927 ביז מערץ 1928 האט דער דיספאזיציע־פאנד פון פרעמיער־מיניסטער, וואס איז געווען אין בודזשעט בעשטימט אויף א סומע פון צוויי הונדערט טויזענד זל. איבערגעשטיגען די סומע 40־פאכיג. דער פרעמיער־מיניסטער האט נעמליך גענומען אויפ'ן דיספאזיציע־פאנד 8 מיליאן זל.

די דאזיגע ערקלערונג מאכט א שטארקען רושם אויף אלע מיטגלידער פון דער קאמיסיע, בעזונדערס נאך ווען מ'נעהמט אין אכט, אז דאס איז גראד געווען אין דער צייט פון דער וואהל־קאמפאניע.

ווייטער ערקלערט פראפ. ווראבלעווסקי, אז די איבערשרייטונגען פון בודזשעט אין יאהר 1927/28 בעטרעפען פון 562 ביז 564 מיליאן זל.. א חוץ דעם איז אין בודזשעט אריינגעטראגען געווארען נישט לעגאל פון איין פאזיציע אין דער צווייטער א סומע פון 24 מיליאן זל.

נאך די ערקלערונגען פון פראפ. ווראבלעווסקי הויבט זיך אן א סדרה פראגען. עס מאכט דעם איינדרוק, אז עס איז נים קיין קאמיסיע פון סיים, נאר א געריכט.

אויף דער פראגע פון דעפ. ליבערמאן אויף וואס דער דיספאזיציע־פאנד פון מיניסטארען־ראט איז איבערגעשטיגען געווארען 40־פאכיג, ענטפערט פראפ. ווראבלעווסקי, אז ער האט נישט דערויף קיין אקטען און דעריבער זענען אוהם די סבות אונבעקאנט.

דעפ. ליבערמאן: פארוואס האט דער פינאנץ־מיניסטער, נישט קוקענדיג אויף זיין צוזאג אזוי לאנג נישט צוגעשטעלט די צוזאב־קרעדיטען?

פרעזעס בורקא: כ'בעזייטיג די פראגע.

דעפ. ראטאי: צי האבען זיך אלע הוצאות געשטיצט אויף קאנקרעטע בעשלוסען פון מיניסטארען־ראט?

פראפ. ווראבלעווסקי: יא. עס זיינען אבער געווען פאלען, ווען מ'האט געמאכט הוצאות אהן א בעשלוס.

דעפ. משאבונסקי: צי איז אייך נישט געווען אויפפאלענד, וואס דער דיספאזיציע־פאנד פון מיניסטארען־ראט האט איבערגעשטיגען 40־פאכיג די בעשטימטע סומע?

פראפ. ווראבלעווסקי: אלס פריוואט־מענש איז מיר דאס געווען אויפפאלענד, אלס מלוכה־בעאמטער נישט.

נאך די ערקלערונגען פון פראפ. ווראבלעווסקי האט די בודזשעט־קאמיסיע בעשלאסען מיט 14 שטימען געגען 8 צו ווענדען זיך צום ה' טשעכאוויטש, ער זאל צושטעלען זיין בריף פון 16. נאוועמבער אין וועלכען ער האט צום ערשטען מאל געבעטען וועגען זיין דימיסיע און ער זאל אויך צושטעלען די בעשלוסען פון מיניסטארען־ראט וועגען אויסגעבען 562 מיליאן איבער'ן בודזשעט.

די קומענדיגע זיצונג וועט פארקומען דאנערשטאג. אויף דער דאזיגער זיצונג וועט דעפ. ליבערמאן אריינטראגען א רייה קאנקרעטע פארשלאגען.

לאָדזער טאָגעבלאַט

ד"ר רעדאַקטאָר נעמט-אָן פון 6 ביז 7 אין אָוונט.
נישט בעשטעלטע מאַנוסקריפּטען ווערען נישט צוריקגעשיקט.

Lodzer Tageblat", Łódź, Piotrkowska 16, Skrz. poczt. 16 :אַדרעס
טעלעפאָנען: פון רעדאַקציע 57. אַדמיניסטראַציע 47.

א יאָהר דריטער סיים

„ראָבאָטניק" מאַכט א טרויעריגען סך-הכל. — „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ" פערלאַנגט א חשבון פון די 563 מיליאָן זל. וואָס מ'האָט אויסגעגעבען מעהר, ווי דער בודזשעט האָט פאָרויסגעזעהן. — דער סיים איז „א קראַנקער מענש", זאָגט דער גלאָס פראַוודי".

היות ווי עס איז שוין א דורך א יאָהר זייט עס איז געקליבען געוואָרען דער איצטיגער סיים, מאַכט דער „ראָבאָטניק" א סך-הכל פון דעם דאָזיגען יאָהר.

דאָס איז געווען א טראַגישע צייט פאַר'ן לאַגער, וואָס הערשט איצט אין פוילען. דער גלויבען פון דער געזעלשאַפט האָט זיך צוזאַמענגעבראָכען. די חלומות אין האָפנונגען פון מאַי 1926 זענען צושוואומען ווי רויך, צונויפטרעפענדיג זיך מיט דער האַרטער ווירקליכקייט. איצט לעבען מיר איבער אַן'אַנדער-ארט קריזיס, א פיל וועהטאָגליכערען א קריזיס אין צוטרוי.

דאָס לאַנד האָט אויפגעהערט צו האָבען צוטרוי.

„פאַר מאַי 1926 איז „צופיל אונגערעכטיגקייט געווען אין פוילען" היינט זעהען די אונגערעכטיגקייטען פיל פיל מעהר, ווייל עס פעהלט די געזעלשאַפטליכע קאָנטראָל. דאָס לאַנד האָט פערלוירען דעם גלויבען און דעם צוטרוי. דאָס לאַנד גלויבט מעהר נישט אין די ידלערייען פון די סענאַטאָרען דאַגעגען גלויבט עס אין אַלע בעשולדיגונגען געגען זיי אפילו ווען די בעשולדיגונגען זענען פאַלש.

אין דעם ליגט די טיפסטע טראַגעדיע פון איצטיגען סיסטעם אין פוילען.

„איהר האָט געהאַט אין מאַי 1926 פערענדיגט דעם. ניעדזיאַלקאָווסקי זיין אַרטיקעל מיט וויספּיאַנסקי'ס ווערטער — „א גלדענעם האָרן"; איהר האָט געהאַט אַן'אונערשעצבאַרען אוצר דעם צוטרוי פון פאָלק. מיט אייערע אייגענע הענד האָט איהר צושמעטערט די וואונדערבאַרע מתנה פון דער געשיכטע. איהר האָט פערברענט די בריקען, וואָס בינדען אייך מיט אייער אייגענער פערגאַנגענהייט, איהר האָט ערלויבט צו בעשמייען דעם חלום וועגען א פאָלקסטימליך פוילען. און היינט קומט דאָס פאָלקסטימליכע פוילען און פערלאַנגט פון אייך א „חשבון".

דעם דאָזיגען חשבון פערלאַנגט נישט נאָר דאָס דעמאָקראַטישע פוילען, נאָר אויך די ענדעציע.

די „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ" פערלאַנגט, אַז די רעגירונג זאָל אומבעדינגט צושטעלען א חשבון פון די 563 מיליאָן זל., וועלכע די האָט אויסגעגעבען אין בודזשעט-יאָהר 1927-28 מעהר, ווי דער בודזשעט האָט פאָראויסגעזעהען.

לויט דעם „סטאַטיסטישען ביולעטין פון פינאַנץ-מיניסטעריום" איז צו זעהען, אַז דאָס פרעזידיום פון מיניסטעריען-ראַט האָט אויסגעגעבען מיט 448 פראָצענט מעהר ווי ס'איז געווען בעשטימט אין בודזשעט.

„דאָס געלד—זאָגט די „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ", איז אויסגעגעבען געוואָרען אין דעצעמבער 1927 און אין די ערשטע צוויי חדשים פון יאָהר 1928. דאָס איז געווען אין די צייט, ווען דער אַלטער סיים איז שוין נישט געווען, און דער נייער איז נאָך נישט אויסגעקליבען געוואָרען, דאַן זענען פאָרגעקומען וואַהלען. דער סיים מוז זיך בכן דערוויסען וואָסערע מלוכה-נויטווענדיגקייט האָט עס גורם געווען, אַז מ'זאָל איבערשרייטען דעם בודזשעט פון פרעזידיום פון מיניסטאָרען-ראַט אויף גאַנצע 448 פראָצ."

אין דער רעגירונגס-פרעסע געפינען מיר פערשטעהט זיך, נישט קיין תשובה אויף די דאָזיגע פראַגען. דאַגעגען זענען דאָרט פערהאַן שאַרפע אַנגריפען אויפ'ן סיים, וועלכען דער „גלאָס פראַוודי" רופט אָן „א קראַנקער מענש".

דער „גלאָס פראַוודי" פיהרט ווייטער זיין אַטאַקע אויפ'ן סיים, נאָך מיט מעהר פערביטערונג, מיט מעהר בעשולדיגונגען אָבער אָהן דראָהונגען. און דאָס איז זעהר כאַראַקטעריסטיש. מ'זאָגט אַריין דעם סיים וויפיל עס לאָזט זיך נאָר, די דעפּוטאַטען זענען מענשען אָהן געוויסען, אָהן אחריות, אָבער גלייכצייטיג וואָרענט מען נישט מיט קיין קאָנסעקווענצען ווי מ'האָט עס ערשט געטון מיט א קורצע צייט צוריק. דאָס קרינגעריש-אַנגרייפערישע אַרטיקעל, ענדיגט זיך מיט אַזעלכע ווייניג קריגערישע ווערטער:

„דאָס גאַנצע פאָלק הערט זיך איצט צו מיט דער גאַנצער אויפמערקזאַמקייט צום רוישענדען לעבען פון דער רעגירונג. דאָס פאָלק וואַרט, צי דער צופאַהרענער אמת פון די דעפּוטאַטען וועט פערוואַנדעלט ווערען אין אַן'אַרבייט, וואָס איז לויט'ן כבוד פון א גרויסער מלוכה. מיט יעדען טאָג ווערט די דאָזיגע האָפנונג אַלץ קלענער".

כר.

פיל מאָסקווער יודען פערלירען וואַהל-רעכט צוליב טעמפּקייט פון די סאָוויעטישע בעאַמטע

סאָוויעטישע פרעסע פראָטעסטירט געגען אונגערעכטיקייטען

מאָסקווא (יט"א) צווישען די, ביי וועלכע מען האָט אין די לעצטע טעג גענומען צו דאָס וואַהל-רעכט אין מאָסקווע, אַלס רעזולטאַט פון רעווידירען די וואַהל-ליסטעס מיט דער כונה אָפּצונעמען דאָס וואַהל-רעכט ביי די אונגעוואונשענע עלעמענטען, געפינען זיך א גרויסע צאָהל יודען. די סיבות, וואָס ווערען אָנגעגעבען פאַר צונעמען דאָס וואַהל-רעכט זענען פערשידענע. אין אייניגע פאַלען איז דאָס דערפאַר, וואָס דער בירגער איז אַמאָל געווען א הויז-אייגענטימער, א זוחר אָדער אַן'אַנגעשטעלטער ביי דער צאַרישער רעגירונג. מען נעמט צו דאָס וואַהל-רעכט ביי די, וואָס שטאַמען פון „קלעריקאַלע משפחות", אָדער וואָס ווערען פערדעכטיגט אין „בורזשואַזער אידעאָלאָגיע".

ביי איין יודיש מיידעל, א קאָמוניסטקע האָט מען צוגענומען דאָס וואַהל-רעכט, ווייל זי האָט ביז דאָס יאָהר 1923 אויסגעהאַלטען פון איהרע פערדינסטען איהר אַלטען פאָטער, וואָס איז געווען אַמאָל א רב. ביי אַן'אַנדער יודישער פרוי האָט מען צוגענומען דאָס וואַהל-רעכט, דערפאַר וואָס איהר פאָטער איז געווען צאַרישער מיניסטער אין בערדיטשעוו.

ווען די יודישע פרוי האָט ערקלערט דער קאָמיסיע, אַז בעת דעם צאַריזם האָט קיין יוד נישט געקענט זיין קיין מיניסטער און אַז אין בערדיטשעוו איז בכלל קיינמאָל נישט געווען קיין רעגירונג, האָט די קאָמיסיע געפאָדערט זי זאָל צושטעלען באַווייזען, אַז איהר פאָטער איז ווירקליך נישט געווען קיין צאַרישער מיניסטער אין בערדיטשעוו. די פרוי האָט אַריינגעטראָגען וועגען דעם אַן'אָנקלאַגע אין דער מאָסקווער יוסטיץ.

שאַרפע פראָטעסטען געגען די אונגערעכטיגקייטען פון די וואַהל-קאָמיסיעס ווערען אַרויסגעזאָגט אין דער סאָוויעטישער פרעסע, וועלכע פאָדערט, אַז ביי די וועלכע מען האָט צוגענומען דאָס וואַהל-רעכט אומזיסט, זאָלען גלייך צוריקגעשטעלט ווערען אין זייערע רעכט.

ווען איהר געהט אַריבער די גאַס,

קוקט מיט אָפענע אויגען; איהר קענט בלייבען אַן'אייביגער קאַליקע, אָדער גאָר געפינען דעם טויט!

היט זיך, מען זאָל אייך נישט איבערפאָהרען!

יודישע נייעס.

ראובן בריינין אָפּגעפאָהרען קיין דרום-אַפריקע.

ניו-יאָרק. (יטא) דער בעקאַנטער העברעאישער שריפטשטעלער ראובן בריינין איז אָפּגעפאָהרען קיין לאָנדאָן אויפ'ן וועג קיין דרום-אַפריקא, וואו ער איז איינגעלאַדען געוואָרען דורך דער געזעלשאַפט צו שטיצען די יודישע קאָלאָניזאַציע אין סאָוויעט-רוסלאַנד.

זרבבל אין אַמעריקאַ.

ניו-יאָרק. (יטא) מיט דער שיף „לעוויאַטאַן" איז דאָ אָנגעקומען דער פיהרער פון די לינקע פועלי-ציון אין פוילען ה' זרבבל. ה' זרבבל איז געקומען אַהער אין די אינטערעסען פון פועלי-ציון אין פוילען. ער וועט מאַכען א טור איבער'ן לאַנד און האַלטען פאָרטראַגען וועגען יודישע פראַגען.

300-יעריגער יובילעאום פון געבען די ערשטע האַנדעלס-רעכט די יודען אין דאַנציג.

דאַנציג. (יטא) לויט ערשט פערעפענטליכטע מאַטעריאַלען, איז דעם היינטיגען חודש מערץ געוואָרען 300 יאָהר, זייט די יודען אין דאַנציג זענען אַרויס פון ענגען געטאָ-לעבען און האָבען בעקומען, אויפ'ן יסוד פון א פוילישען קעניגליכען דעקרעט, די ערשטע רעכט אַלס „שוץ-יודען" פריי צו האַנדלען און וואוינען אין די גרעניצען פון דער דעמאָלסדיגער פרייער שטאָט דאַנציג. און דער זעלבער צייט האָבען די יודען אָפיציעל בעקומען די ערלויבניש אויסצובויען א סינאַגאָגע און צו עפענען און פאָרט יודישע רעסטאָראַנען.

יודען זענען בלויז א רעליגיעזע מינדערהייט...

פּאַריז (י. ט. א.) אין א לייט-אַרטיקעל פון „פּע ע דרוא", דער צענטראַל-אָרגאַן פון „אַליאַנס איזראַעליט" („כל ישראל חברים") שרייבט דער שף-רעדאַקטאָר ה' בערל צוו. אג.:

„אין געגענזאַץ צו אַלע איבעריגע נאַציאָנאַלע מינדערהייטען זענען די יודען בלויז א רעליגיעזע מינדערהייט. דעריבער מוזען די יודען אַנערקענען די פאָרמולע פון דער פראַנצויזישער נאַציאָנאַל-פערזאַמלונג פון 1789: „מיר אַנערקענען אַלעמען אַלס בירגער, אָבער קיינעם אַלס נאַציע".

—0—

דער ווירטשאַפטליכער פעלקער-בונד

אויף דער זאַכקענער-קאָנפערענץ אין פּאַריז ווערט בעטראַכט דער פּראָיעקט צו שאַפען א רעפּאַראַציע-באַנק, וואָס זאָל פערוואַנדעלט ווערען אין גרעסטען פינאַנץ-אַפּאַראַט פאַר אַלע אייראָפּעאישע מלוכות.

די באַנק קען ברענגען צו א ווירטשאַפטליכען שלום צווישען די מלוכות.

(בריף פון פּאַריז, ספּעציעל פאַר'ן „לאָדזער טאָגעבלאַט")

פון **מ. פּערלאָוו.**

ווי בעוואוסט, קומען פאָר שוין אייניגע וואָכען די זיצונגען פון זאַכקענער-קאָמיטעט, וואָס האָט די אויפגאַבע צו לעזען דאָס רעפּאַראַציע-פּראָבלעם. דער דאָזיגער קאָמיטעט, וואָס האַלט אָפּ זיינע זיצונגען אין פּאַריז, איז געשאַפען געוואָרען אויף דער ענערגישער פאָדערונג פון דייטשלאַנד, צו רעווידירען די הויך פון די ענטשעדיגונגס-סומען, וועלכע זי דאַרף צאָהלען אויפ'ן יסוד פון ווערסאַילער טראַקטאַט.

דער ווערסאַילער טראַקטאַט האָט, ווי בעקאַנט, פעסטגעשטעלט די הויך פון דייטשלאַנדס רעפּאַראַציע-צאָהלונגען אויף א סומע פון 132 מיליאַרד געלד-מאַרק, דער דייוויס-פּלאַן האָט בעשטימט די גרויס פון די יעהרליכע ראַטעס, וואָס דייטשלאַנד דאַרף בעצאָהלען, נישט פערענדערענדיג די גרונד-סומע פון דייטשלאַנד'ס ענטשעדיגונגס-חובות.

דייטשלאַנד האָט אין די לעצטע צוויי יאָהר, בעזונדערס זייט זי איז אַריינגעטרעטען אין פעלקער-בונד גענומען פאָדערן א רעוויזיע, הן בנוגע דעם גרויס פון אַלגעמיינעם חוב, הן בנוגע די יעהרליכע ראַטעס. זי האָט מאָטיווירט איהר פאָרשלאַג דערמיט, וואָס דייטשלאַנד'ס ווירטשאַפטליכע לאַגע איז נישט אַזאַ גלענצענדע, ווי מ'שטעלט זיך פאָר, זי האָט פערלוירען די גרויסע אָפּזאַץ-מערק אין אויסלאַנד און אויב זי האַלט זיך נאָך איצט, איז עס א דאַנק די אויסלענדישע הלואות. קוים אָבער זאָל דייטשלאַנד צאָהלען יעהרליך דריטהאַלבען מיליאַרד מאַרק, וועט זי עס מוזען צאָהלען מיט'ן געבאָרגטען געלד און דאַן וועט די דייטשע ווירטשאַפט גענצליך געבראָכען ווערען, פון וואָס עס וועלען ליידען אויך די קאָאַליציע-מלוכות און אין דער ערשטער ריי אַמעריקאַ, וועלכע האָט בסדר געשטיצט דייטשלאַנד מיט הלואות.

די דאָזיגע מאָטיווען האָבען בעוואוינגען די קאָאַליציע-מלוכות צו בעשטימען א זאַכקענער-קאָמיטעט וואָס זאָל זיך בעקענען גענוי מיט דער ווירטשאַפטליכער לאַגע אין דייטשלאַנד און אַרויסזאָגען זיין מיינונג וועגען דייטשלאַנד'ס צאָהלונגס-פעהיגקייטען, צי איז באמת כצעקתה, צי איז פאַקטיש דייטשלאַנד אַזוי עקאָנאָמיש שוואַך, אַז די רעפּאַראַציע-צאָהלונגען קענען זי צוברעכען.

אין דעם קאָמיטעט בעטייליגען זיך א חוץ די זאַכקענער פון דייטשלאַנד און די קאָאַליציע-מלוכות, אויך די זאַכקענער פון די פעראייניגטע שטאַטען מיט'ן באַנקיר מאָרגאַן בראָש. זעלבסטפערשטענדליך, אַז די הויפּט-דעה אין דאָזיגען קאָמיטעט האָט טאַקי דער רייכער פעטער אַמעריקאַ, ווייל אַלץ ליגט אין איהרע הענד. ווען זי זאָל וועלען פערקלענערן איהרע חובות, וואָס עס קומט איהר פון פראַנקרייך און ענגלאַנד, וואָלטען די לעצטע גלייך מסכים געווען צו פערקלענערען די דייטשע ענטשעדיגונגס-חובות. פון דער צווייטער זייט איז אַמעריקאַ אויך פעראינטערעסירט דערין, אַז מ'זאָל ביי דייטשלאַנד נישט איבערציהען צופיל ס'שטריקעל, ווייל איהר קומט אויך פון די דייטשען א היבשע אַפּותיקאַ. אַמעריקאַ האָט בכן דאָס הויפּט-וואָרט, די גרעסטע דעה אויף דער זאַכקענער-קאָנפערענץ. אָבער אַמעריקאַ שווייגט, די אַמעריקאַנער באַנקירען האָבען נישט קיין חשק צו פערקלענערען זייערע חובות פון פראַנקרייך און ענגלאַנד און זיי ווילען, אַז דייטשלאַנד זאָל בלייבען עקאָנאָמיש שטאַרק. זיצען זיי דעריבער שוין אייניגע וואָכען אויף די זיצונגען פון דער זאַכקענער-קאָנפערענץ און שווייגען. זאָלען זיך די אייראָפּעער ברעכען די קעפּ, און אַז זיי וועלען אויסטראַכטען עפּיס אַזעלכעס, וואָס וועט זיי נישט שמעקען, וועלען זיי דאַן זאָגען לא מיט אַן'אַלף. זיצען טאַקי די זאַכקענער שוין א היבשע פאָר וואָכען און שוויצען איבער דער שווערער סוגיא, וואָס רופט זיך רעפּאַראַציע. און די סוגיא איז באמת א חאַרבע, ווייל חנם די זאַכקענער זענען לפנים אונאָפּהענגיג פון זייערע רעגירונגען, און זיי דאַרפען נישט אַריינמישען קיין פּאָליטישע מאָמענטען אין דעם „ריין עקאָנאָמישען שטודיום". געדענקט דאָך יעדער זאַכקענער פון וועמען ער איז געשיקט, און וועמען ער רעפּרעזענטירט.

אָט דער פּאָליטישער מאָמענט, וועלכער ווערט אמת נישט געברענגט פאָרן מויל, נאָר דרינגט אַרויס פון יעדען פאָרשלאַג, בעשווערט שטאַרק די אַרבייטען פון קאָמיטעט.

מ'האָט שוין געמיינט, אַז די קאָנפערענץ וועט זיך ענדיגען מיט גאָרנישט, ווען נישט דער נייער פּראָיעקט, וואָס איז די טעג אַריינגעטראָגען געוואָרען.

אויב דער דאָזיגער פּראָיעקט זאָל פערווירקליכט ווערען, וועט ער נישט נאָר לעזען דאָס רעפּאַראַציאָנס-פּראָבלעם נאָר ער וועט צוהעלפען צו דער ווירטשאַפטליכער ענטוויקלונג און דערנעהנטערונג — פון אַלע אייראָפּעאישער לענדער.

דער פּראָיעקט בעשטעהט דערין, אַז עס זאָל געשאַפען ווערען א רעפּאַראַציע-באַנק, וואָס זאָל זיך געפינען אין גענף, צי אין האאַג. די באַנק זאָל איינציהען די דייטשע רעפּאַראַציע-צאָהלונגען, אַזוי אַרום וועט דער בעטריבס-קאַפּיטאַל פון דער באַנק בסדר פערגרעסערט ווערען, ווייל עס וועלען בסדר איינפליסען נייע ראַטען פון דייטשלאַנד. די באַנק וועט ווערען א געוואַלדיגער קרעדיט-אינסטרומענט, ווייל זי וועט זיין פּראַנטאַשעליך פאַר די דייטשע רעפּאַראַציע-הלואות, און נאָך איידער די הלואות וועלען עמיטירט ווערען, וועט זי קענען פערוואַלטען מיט די הלואות לטובת די קאָאַליציע-מלוכות. דאָס שאַפען אַזאַ באַנק וועט ערמעגליכען דייטשלאַנד צו צאָהלען איהרע רעפּאַראַציע-חובות, ווייל די באַנק וועט אויך גלייכצייטיג פינאַנסירען דעם דייטשען עקספּאָרט. די באַנק וועט שטיצען נישט נאָר דעם דייטשען עקספּאָרט, וואָס וועט געהן אין די קאָאַליציע-לענדער, נאָר אומעטום אין גאָר דער וועלט.

אָפּשטעלענדיג זיך גענויער איבער'ן דאָזיגען פּראָיעקט האָט מען אָבער איינגעזעהן, אַז אַזאַ באַנק וועט נישט קענען אויספיהרען איהרע גרויסע אויפגאַבען, ווען זי וועט נישט האָבען קיין אַקטיווע מיטהילף מצד די גרויסע נאַציאָנאַלע באַנק פון אַלע פעראינטערעסירטע מלוכות. מ'האָט דעריבער פערברייטערט דעם פּלאַן, און מ'האָט בדעה אַריינצונעהמען אין אויפזיכטס-ראַט פון דער רעפּאַראַציאָנס-באַנק אַלע גרויסע דעמיזיאָן-באַנק פון אייראָפּאַ. אַזאַ באַנק וועט גאַנץ בראַטע פּערספּעקטיווען. זי וועט ווערען די חכמסטע אינטערנאַציאָנאַלע באַנק אין אייראָפּאַ. זי וועט פערליכטערען דעם אינטערנאַציאָנאַלען דעוויזען-מאַרק אַדורכצופיהרען זייערע געלד-אָפּעראַציעס. א דאַנק דער דאָזיגער באַנק וועט דער מאַנגעל אין מזומנים, און בעזונדערס אין גאָלד פילשטענדיג בעזייטיגט ווערען.

אַזוי אַרום וועט די געפּלאַנטע באַנק נישט נאָר לעזען דאָס רעפּאַראַציאָנס-פּראָבלעם, נאָר זי וועט ווערען א וויכטיגער אינטערנאַציאָנאַלער פאַקטאָר, וואָס וועט רעגולירען די ווירטשאַפטליכע פינאַנציעלע שוועריגקייטען אין די בעזונדערע לענדער.

די באַנק האָט אָבער גאָרנישט צו טון מיט דער גרויס פון די דייטשע רעפּאַראַציע-צאָהלונגען. וועגען די גרויס פון די דייטשע יעהרליכע ראַטעס וועט די זאַכקענער-קאָנפערענץ נאָך דאַרפען אָננעמען א בעשלוס. אָבער קוים וועט דער ענין ערלעדיגט ווערען, דאַן וועט די געפּלאַנטע באַנק דינען אַלס גרונדשטיין פאַר א ווירטשאַפטליכען פעלקער-בונד, און קוים וועט זיין דער יסוד, וועט מען קענען ווייטער בויען דעם אינטערנאַציאָנאַלען ווירטשאַפטליכען שלום. אַזאַ שלום וועט האָבען פיל מעהר בעדייטונג ווי דער פעלקער-בונד, ווייל די אמת'ע סבות פון יעדען קאָנפליקט איז די ווירטשאַפטליכע קאָנקורענץ.

די אַראָפּגעפאַלענע

ווענען פיהרער און פערפיהרטע

פון **ד"ר. א. מוקדוני**

ווייסט איהר דאָך די אַלטע און טרויעריגע מעשה'לע:

מלאכים האָבען זיך אַראָפּגעלאָזען פון די לויטערע הימלען אויף אונזער חושךדיגער ערד מיט דער היילינגער כונה צו פערהימלען און צו פערלויטערען די פערשאָלטענע ערד.

הימעל און ערד זאָלען ווערען איין לויטערע קעניגרייך.

א לייטער אַוועקשטעלען אויף דער ערד צום הימעל, און די איינוואוינער פון הימעל זאָלען זיין אָפטע געסט ביי די איינוואוינער פון דער ערד און די איינוואוינער פון דער ערד זאָלען זיין שטענדיגע איינגעהער ביי די איינוואוינער פון הימעל.

הימעל און ערד זאָלען זיין ווי א שטוב מיט אַן'אַלקער.

און אויסגעלאָזען האָט זיך, אַז די מלאכים האָבען זיך אַראָפּגעלאָזען אויף דער ערד און צוריק זיך נישט געקענט אויפהויבען צום הימעל. זיי האָבען פערלוירען אויף דער ערד זייערע פליגלען, זיי זענען געוואָרען זינדיגע מענשען, זיי האָבען זיך אויסגעמישט מיט די זינדיגע מענשען, געוואָרען זינדיג און ערדיש ווי די מענשען.

די מלאכים זענען געקומען זיין לעהרער און זענען געוואָרען טעמפּע תלמידים, זיי זענען געקומען פיהרען און זענען פערפיהרט געוואָרען, זיי זענען געקומען ריינינגען און זענען אַליין פערשמוציגט געוואָרען.

עס איז אַן'אייביגע בלענדניש — לעהרער זענען תלמידים, פיהרער זענען געפיהרטע...

און אייביג האַלטען זיך און אַמן אַראָפּלאָזען צו אונז מלאכים פון די לויטערע הימלען, דערלייזער פון דער פאַנטאַסטישער הויכקייט און שטענדיג ווערען זיי ביי אונז פערוואָכעדיגט, פערגרויס און פערשוואַכט, מיר נעמען זיי אַריין אין אונזער זינדיגען חדר און מאַכען פון זיי זינדיגע, ערדישע און תאוה'דיגע מענשען.

זיי קומען צו אונז מיט לויטערע, פייערדיגע און שטראַהלענדע ווערטער, און אין א קורצע צייט אַרום שלעפען זיי, פליגלען זייערע, סגוילען פון ווערטמדרינגע וועלטער פאַלען פון זייערע מיילער.

האָט די אַלטע כוהסע געשיכטע צו דערצעהלען זעהר פיל מעשיות פון היילינגע, וועלכע זענען געקומען מיט פערגלאַצטע אויגען צו ריינינגען די רינשטאָקען פון אונזער לעבען און אין א קורצער צייט האָט מען זיי געפונען אויסגעצויגען אין זייער גאַנצער גרויס אין די זעלבינע רינשטאָקען.

דורכגעטריבען און שעלמיש איז די מענשען-מאַסע; אַט שלינגט זי פערנאַפּט די ווערטער פון דערלייזער, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזען צו איהר, אָט איז זי געהאָרכזאַם און פרום ווי א לעמעלע, אָבער באַלד ווערט זי צונוש און נעמען זי רעדט נאָכמעהר דבורים מיט דעם דערלייזער: ווילסט זיין אונזער לעהרער מוזט זיין אונזער אונטערטעניגער תלמיד, ווילסט זיין אונזער פיהרער מוזט זיך לאָזען פיהרען.

און אַזאַ שטילער, צינגישער אָפּמאַך ווערט געשלאָסען.

אַזוי ווערען מלאכים און געמער, וועלכע לאָזען זיך אַראָפּ צו אונז, געפּסל'ט און פערשוועכט.

א טריפה קאָמעדיע ווערט געשפּילט.

———

געדענק איך די ערשטע צייט, ווען לויטערע מלאכים האָבען זיך אַראָפּגעלאָזען אויף די פינסטערע געסלעך פון דעם יודישען אַרבייטער.

ליכטיגע ווערטער האָבען דורכגעשניטען דעם חושך אין דער יודישער אַרבייטער-גאַס.

דער יודישער אַרבייטער האָט זיך געצאַצקעט מיט די דאָזיגע ווערטער.

און ווען צופּייענדיג די ווערטער האָט ער דערפיהלט דעם טעם פון א נשראָנק האָט ער געשטראַהלט פון גדולה; און דעם פינסטערען מוח האָט טעם לויכטיגען אויפגעבליצט.

געדענק איך, ווי דער יודישער אַרבייטער האָט צום ערשטען מאָל דערפיהלט דעם טעם פון א רוח און לויטער וואָרט; ער האָט דאָס וואָרט כסדר און מויל געהאַלטען, ער האָט עס געזונגען ווי א נאַשערניש קינד א צוקערקעלע.

געדענק איך, ווי דער ערשטער לויטער מינגער געדאַנק האָט זיך צושפּילט מיט אַלע זיינע שעהנע קאָלירען און זיין פינסטערן מוח; ווי א קינד, וואָס דערוועהנט פייער האָט זיך ווי פערוואונדערט געזויפט ליכטיג צעשמעטערלט.

לעהרער, אמת'ע לעהרער זענען געווען די ערשטע יודישע אַרבייטער-פיהרער.

וואָרום א מענש איז דער, פאַר וועלכען מען האַלט אויהם, א מענש איז דער, פאַר וועלכען ער גילט.

פיהרער זענען זיי געווען, ווייל די יודישע אַרבייטער האָבען פון קיין וועג נוט געוואוסט.

האָט יעדער אַרבייטער-לעהרער געפיהלט, אַז ער מוז עפּעס לערנען זיינע תלמידים, האָט ער אַליין געלערנט, כדי ער זאָל קענען לערנען.

געדענק איך די ערשטע יודישע אַרבייטער-ליטעראַטור; ערנסט איז זי געווען, און יעדער שורה איז געווען אָנגעלאָדען מיט ווייסען.

געדענק איך די שפּראַך, מיט וועלכער מען איז געקומען צו די אַרבייטער; אַנ'ערנסטע איז זי געווען, שוין צו ערנסט און צו אידעאַל פאַר'ן פשוט'ן אַרבייטער, אָבער מיט גוטער כונה איז באַנוצט געוואָרען א געצירקעלטע שפּראַך — מען האָט געוואָלט ריינינגען די שפּראַך פון דער אונגליקליכער מאַסע פון אַלע דערקיימען, פון אַלע פסולת'ן, פון אַלע גראָבקייטען, וואָס די פינסטערע עם הארצות און דאָס בזיונות לעבען האָבען אַריינגעבראַכט אין איהר.

ריינינגען, כשר'ן גייסטיג האָט מען געוואָלט דעם אַרבייטער, ווי א שעהנער און געלייטערטער מענש זאָל ער געהן אין קאַמף פאַר זיינע אידעאַלען.

וואָרום קאַמף איז נוט געוועזען פון זייערעס, קאַמף איז גאָרנישט אַזוי צונגיג און גאָרנישט אַזוי ריין, און קאַמף שלאָגט דאָס טריפה בלוט און קאָט אַרויס, און קאַמף שווימט אַרויף דער אָפּזאַץ, די גייסטיגע בלאָטע, וואָס האָט זיך אָפּגעלעגט ערגעץ אויפ'ן גרונט פון דער נשמה, מוז מען זיין גייסטיג אַזוי גערייניגט, אַז אין סאַמע ברען פון קאַמף זאָל דאָס מענשליכע נישט בעשמוצט ווערען.

קליינע קרייזלעך פון אַרבייטער זענען דאַן געוועהן, אָבער פון אויפגעוואַכטע מענשען זענען זיי בעשטאַנען, פון מענשען, וואָס האָבען דאָס ליכט דערזעהן און נישט געקענט זאַט אָנקוקען זיך אויף אויהם.

און פלוצלונג האָט זיך די גאַנצע פינסטערע מאַסע א ריב געטאָן צו ליכט.

א גרויסע מאַסע דאַרף האָבען גרויסע

(ענדע זעהט זייט 6)

לאָדזשער כראָניק.

די שול-יוגענד לכבוד מאַרשאַל פּילסודסקי.

(§) דער לאָדזשער וואָיעוואָדישער קאָמיטעט פון דער מלוכה'שער ענטוויקלונג פון פּוילען האָט אויסגעשריבען א קאָנקורס צווישען דער שול-יוגענד פון מיטעל און פאָלקס-שולען פאר דער בעסטער ארבייט וועגען מאַרשאַל פּילסודסקי. דער קאָנקורס-געריכט האָט אויסגעקליבען 4 פון די בעסטע ארבייטען פאר וועלכע עס וועט צוטיילט ווערען פּרעמיעס אויף דער יוגענד-אַקאַדעמיע, וואָס וועט פאָרקומען דעם 19. מערץ ד. י.

נאַכט-דיזשורען און די אַפּטייקען.

הײַנט דיזשורירען פאָלגענדע אַפּטייקען: וואָיטשיצקי, נאַפּיורקאָווסקי 27; דאַניעלעצקי, פּיעטריקאָווער 127, אילניצקי און צימער, וואָלטשאַנסקא 37, לײַנוועבער פרייהייטס-פּלאַץ 2, הארטמאַן, מלינאַרסקא 1, קאַהאַנע, אַלעקסאַנדער 80.

געקוישט דאָס ווייב און בעת'ן קושען זי איבער-געשניטען איהר האַלז מיט א בריטווע

דער מערדערישער מאַן האָט דערפאַר בעקומען 15 יאהר שווערע תפיסה.

(§) נעכטען איז אין היגען קרייז-געריכט בעטראַכט געוואָרען דער פּראָצעס געגען א געוויסען יאַמשאַק, וואָס איז אָנגעקלאָגט געוואָרען פאר שעכטען זיין פרוי, העלענא, מיט א בזשיטווע, פון וואָס די לעצטע איז געשטאָרבען אין שפּיטאַל. פאַר'ן טויט האָט זי נאָך בעוויזען אָפּצוגעבען אַן'ערקלערונג, ווי אַזוי דער מאַן האָט זי געשאָכטען.

זי האָט אין שפּיטאַל צוליב דער וואונד אין האַלז נישט געקאָנט רעדען, אָבער זי האָט אָנגעשריבען איהרע ערקלערונגען אויף א פּאַפּיר, פון וועלכע מען האָט זיך דערוואוסט, אז אין קריטישען אויגענבליק, נאָך א קריגערײַ, האָט דער מאַן פלומר'שט מיט איהר פלוצלינג זיך איבערגעבעטען און זי אָנגעהויבען קושען און אַזוי קושענדיג זי האָט ער אונבעמערקטערהייט איהר איבערגעשניטען דעם האַלז מיט א בריטווע.

די ערקלערונגען פון די עדות זענען דאָס געגעבענע זיין קליענט צו בעפרייען צוליב מאַנגעל אין בעווייזען.

נאָך א לענגערער בעראַטונג האָט דאָס אויסגעפאַלען נישט זעהר גינסטיג פאר'ן אָנגעקלאַגטען.

דער פּראָקוראָר האָט אין א לענגערער רעדע אָנגעוויזען אויף דער שולד פון אָנגעקלאַגטען און געפאָדערט פאר איהם די האַרבסטע שטראָף.

דער פערטיידיגער, אדוו. קאַבולינסקי, געבעטען ארויסגעטראַגען דעם אורטייל, לויט וועלכען דער אָנגעקלאַגטער איז פאַר'משפּט געוואָרען אויף 15 יאהר שווערע תפיסה.

8000 זל. שטיצע

פאר קראַנקע און עקסמיטירטע.

(ג) נעכטען אָוונט איז פאָרגעקומען א זיצונג פון דער קאָמיסיע פאר סאָציאַלער הילף ביי דער קהלה. עס זענען בעטראַכט געוואָרען פיל בוטעס וועגען שטיצע פאר אָרימעלײַט, קראַנקע און עקסמיטירטע. מעהרערע בקשות זענען בערוקזיכטיגט געוואָרען.

עס איז בעשטימט געוואָרען א סומע פון 8000 זל. צו די דערמאָנטע הילפס-צוועקען.

צירקולאַר וועגען האַנדווערקער, וואָס בעשעפטיגען נאָר איין ארבייטער

(ג) צוליב די אָפטע מיספערשטענדנישען, וואָס קומען פאָר אויף'ן באָדען פון פּאַטענטען-אויסקויף דורך קלענערע האַנדווערקער, האָט דאָס פינאַנץ-מיניסטעריום פונאַנדערגעשיקט צו די פינאַנץ-קאַמערען א צירקולאַר, אין וועלכען עס ווערט אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז בעלי-מלאכות, וואָס אַרבייטען אַליין אין בעשעפטיגען נאָר איין ארבייטער, זענען בעפרייט פון דער פּליכט אויסצוקויפען פּאַטענטען.

ווי מען אינפאָרמירט אונז איז די לאָדזשער האַנדווערקער-קרייזען האָבען טויזענדער לאָדזשער האַנדווערקער, וואָס בעשעפטיגען צו איין ארבייטער, אויסגעקויפט ארבייטס-פּאַטענטען; נאָך מעהר, געגען פיל, וואָס האָבען נישט געהאַט קיין פּאַטענטען זענען צונויפגעשטעלט געוואָרען פּראָטאָקאָלען.

28,528 וועקסלען-פּראָטעסטען

האָט לאָדז געהאַט אין לעצטען חודש.

(וו) לויט דער לעצטער סטאַטיסטיק האָבען אין פאַריגען חודש די לאָדזשער נאָטאַרען צונויפגעשטעלט 28 528 וועקסעל-פּראָטעסטען אויף א סומע פון 5.066,000 זל. כּדאי צו בעמערקען אז דאָס איז די גרעסטע צאָהל פּראָטעסטען וואָס איז אין לאָדז נאָטירט געוואָרען אין משך פון אַזא קורצער צייט.

—0—

א שרפה אין א שפּינערײַ

אויף פּאָלודניאָווע 52

(וו) נעכטען אין דער פרוה האָט אויסגעבראָכען א שרפה אין דער שפּינערײַ אויף פּאָלודניאָווע 52, וואָס געהער צו הערמאַן זאַקס. דאָס פייער האָט זיך זעהר גיך פערשפּרייט און בעדראָהט די ארום-ליגענדע בנינים. די אָנגעקומענע פייערלעשער האָבען אָבער ענטוויקעלט זעהר אַן'ענערגישע רעטונגס-אַקציע און אין משך פון א שעה צייט די שרפה איינגעלאָשען.

די שרפה האָט אויסגעבראָכען צוליב'ן אונפאָרזיכטיגען אײַנהייצען די רעהרען. דער שאָדען איז א בעדייטענדער.

לאָדזשער יודישער קאַמער-טעאַטער
„אַרט".
לייטער: מ. בראָדערזאָן און ד. בייגעלמאַן.

הײַנט פּרעמיערע!
פון VI שלאַגער-פּראָגראַם
א. נ.
MIS-מיס
JUDEA

1) בראַלאַג
2) אנשי קורצב
3) מענדיל גנענדיל
4) קעניג זאַנוועל III
5) בתריאליווקער שרפה
6) דער סעקוועסטראַטאָר
7) באָבע און אייניקעל
8) ליד פון ארבייט
9) סובלאַקאַטאָר
10) מיס JUDEA

אנהויב 9.15 אָוונט פּינקטליך
בילעטען צו בעקומען פון 7 אָוו.

קאָנווענץ פון די צאָל-עקספּעדיטאָרען

(—) אויף דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג פון די צאָל-עקספּעדיטאָרען אין לאָדז, איז אויסגעוועהלט געוואָרען א נייע פערוואַלטונג אין פאָלגענדען צוזאַמענשטעל: דיר. קאַראַל פון דער פירמע „ספּעראַס" אַלס פּרעזעס, דיר. פון דער אַקציען-געזעלשאַפט „וואַראַנט" אַלס וויצע-פּרעזעס, דירעקטאָר פון דער אינטערנאַציאָנאַלער טראַנספּאָרט-געזעלשאַפט טעמאַן — קאַסירער, דירעקטאָר פון דער צפּינ'דינגער טראַנספּאָרט-געזעלשאַפט מעמבעל — סעקרעטאַר. דירעקטאָר פון דער אַקציען-געזעלשאַפט „לאָיד פּאָלסקי" לעווענשטיין, דירעקטאָר פון דער אַקציען-געזעלשאַפט שענקער און שותפים ברון, דירעקטאָר פון דער אַקציען-געזעלשאַפט האַרטוויג דובעטשינסקי, שטשעטשינסקי און רובינשטיין.

אין דער רעוויזיאָנס-קאָמיסיע זענען אויסגעוועהלט געוואָרען: ראַפּאַפּאָרט, מע... מאַן און מאַראָנטשיק.

אויף דער זעלבער פערזאַמלונג איז בעשטימט געוואָרען די קאָנווענציע, וואָס רעגולירט די האַנדעלס-פערהעלטנישען צווישען די צאָל-עקספּעדיטאָרען און זייערע קליענטען, אויסער וועלכער עס האָט געאַרבייט א ספּעציעלע קאָמיסיע צוויי חדשים.

דער גענוי אויסגעאַרבייטער אָפּמאַך בעשטימט די הויך פון אָפּצאָהל און פּראָוויזיע פאר דער עקספּעדיציע און דעם צאָל-אָפּצאָהל פון די סחורות. ערלויבט נעמען פון די קליענטען וועקסלען נאָר אויף א טערמין פון 4 חדשים, רעגולירט די בעציהונגען צווישען די צאָל-עקספּעדיטאָרען א. א. וו.

די דאָזיגע קאָנווענץ וועט אַרײַן אין קראַפט וואהרשיינליך ערשט דעם 1. אַפּריל, מחמת דעם אָפּמאַך האָט נאָכנישט אונטערגעשריבען איינע פון די קלענערע פירמעס, וואָס פערנעמט צום אָפּמאַך א אונגעצווונגענע שטעלונג.

—0—

צוזאַמענשטויס פון א טראַמוויי מיט א וואַגען

(פ) אויף פּושעיאַזד גאַס נומער 42 האָט נעכטען דער טראַמוויי נומער 15 זיך צוזאַמענגעשטויסען מיט א וואַגען קוילען. דער פוהרמאַן האָט בעקומען עטליכע וואונדען. קיינעם פון די טראַמוויי-פּאַסאַזשירען האָט נישט געשאַדט.

אַבאָנירט, לעזט דאָס
„לאָדזשער טאָגעבלאַט"

ערב א שטרייק פון די גאַזאָווניע-ארבייטער

(וו) מיט א צייט צוריק האָבען די גאַזאָווניע-ארבייטער ארויסגעשטעלט א הוספה-פאָדערונג פון 15 פּראָצענט. היות ווי אַלע אונטערהאַנדלונגען מיט דער דירעקציע פון דער גאַזאָווניע האָבען קיין שום רעזולטאַט נישט געבראַכט, האָבען די ארבייטער בעשלאָסען צונויפצורופען דעם 16. ד. ח. אַן'אַלגעמיינע פערזאַמלונג, אויף וועלכער עס וועט פּראָקלאַמירט ווערען א שטרייק.

די לאָדזשער קאַנאַליזאַציע

אין די ערשטע אויף דער לאַנד-אויס-שטעלונג אין פּויזען

(ג) דער לאָדזשער מאַגיסטראַט האָט איבערגעשיקט צו דער דירעקציע פון דער אויסשטעלונג, וואָס וועט פאָרקומען אין פּויזען, אַן'אָריגינעלען עקספּאָנאַט, וואָס שטעלט פאָר א רויזיגען פראַגמענט פון א קאַנאַליזאַציע-קאַבעל, וואָס איז ספּעציעל אויסגעבויט געוואָרען אין לאָדז אַלס מוסטער פון די וויכטיגסטע אויפטועכען פון דער לאָדזשער שטאָט-פערוואַלטונג.

די לאָדזשער זעלבסט-פערוואַלטונג וועט אויך זיין פערטרעטען אויף דער לאַנד-אויסשטעלונג מיט פיל גרויסע עקספּאָנאַטען, וואָס זאָלען אָפּשפּיגלען די ארבייט פון סאָציאַליסטישען מאַגיסטראַט.

א אויסלאַנדס-פּאַס

בעקומט מען איין 3 טעג.

(§) דאָס ארויסנעמען אַן'אויסלאַנדס-פּאַס ווערט אָפּטמאָל פערשלעפּט צוליב דער שולד פון די בעטענטען גופא, וואָס פערזאָרגען זיך נישט מיט אַלע נויטיגע דאָקומענטען און דערנאָך פּטר'ן זיי אומזיסט צייט אויף לויפען אהין און אהער. אויב מען וויל קריגען אַן'אויסלענדישען פּאַס צו דער צייט, דאַרף מען זיך פריהער ווענדען וועגען אינפאָרמאַציעס אין אינפאָרמאַציע-ביוראָ ביי דער שטאַראָסטווא, כדי צו בעקומען גענויע אויפקלערונגען, וועלכע דאָקומענטען עס זענען נויטיג אויף ארויסצובעקומען א פּאַס אין משך פון 3 טעג.

ווער פון די לאָקאַטאָרען האָט קיין וואַסער נישט?

(פ) נישט קוקענדיג אויף דער שטרענגער פעראָרדנונג פון דער שטאָט-סטאַראָסטווא צו ברענגען אין אָרדנונג די וואַסער-לייטונג און קאַנאַליזאַציע, זענען פיל הייזער ווײַטער אהן וואַסער. ביז איצט האָט די סטאַראָסטווא אויף דער מעלדונג פון די לאָקאַטאָרען געבראַכט אין אָרדנונג וואַסער-לייטונג און קאַנאַליזאַציע אויף'ן חשבון פון די הויז-ווירטען אין 102 הייזער.

סטרוזשעס האָבען מורא צו רייניגען די פילטערס

צוליב די שלעכטע גאַזען.

(וו) דער באַרעקישער סטרוזשעס-פעראיין האָט זיך נעכטען געווענדעט מיט א בוטע צום געזונדהייטס-אַמט ביים מאַגיסטראַט וועגען דורכפיהרען א קאָנטראָלע פון די פילטערן. זייער בוטע מאָטיווירען די סטרוזשעס דערמיט, וואָס די פילטערען זענען א גאַנצען ווינטער געווען פערפרוירען און זענען פול מיט שלעכטע גאַזען. היות די הויז-ווירטען פערלאַנגען, אז די סטרוזשעס זאָלען איצט רייניגען די פילטערען און אַזוי ווי עס האָבען לעצטענס פּאַסירט איינגע פאַלען פון פערגיפטונגען, בעטען די סטרוזשעס דורכצופיהרען די קאָנטראָלע.

קופּאָן № 19
אויף אומזיסטע
יורידישע עצות.
דער בעזיצער פון'ם דאָזיגען קופּאָן קען בעקומען אומזיסט יורידישע עצות דורכ'ן יורי-קאָנסול פון אונזער רעדאַקציע.
גילטיג הײַנט מיטוואָך,
דעם 13. מערץ פון 8—9 אָוו.

א גענעראַל וואָס האָט 70 ווייבער

א חוץ קעבס-ווייבער און סתם „קאָכאַנקעס".

נישט קוקענדיג, וואָס דער לאַנג-יעהריגער בירגער-קריג אין כינע איז שוין כמעט, ווי פערענדיגט, הערען נאָך אַלץ נישט אויף די בעזיגטע גענעראַלען צו טראַכטען וועגען נקמה און נאָכאַמאָל צו פּרובען זייער גליק.

איינער פון די דאָזיגע בעזיגטע כינעזישע גדולים איז דער גענעראַל טשאַנג-טסו-טשאַנג. דאָס איז געווען איינער פון די גרויזאַמסטע אַרמעע-פיהרער אין כינע און די פּראָווינצען, וואָס זענען אַרײַנגעפאַלען אין זיין רשות, האָבען שפּעטער, פריער אָפּגעטעמט, ווען ער איז א בעזיגטער אָפּגעטרעטען מיט זיינע צושלאָגענע רעשטלעך מיליטער קיין דאַלני.

א זעהר טשעקאַווע כאַראַקטעריסטיק געגעבען דעם פּריוואַטען לעבען פון דעם דאָזיגען גענעראַל, געפינען מיר אין א שוועדישער צייטונג.

א געוויסער שוועדישער זשורנאַליסט, וואָס איז א לאַנגע צייט געווען אין כינע און קען גוט די דאָרטיגע פערזענליכקייטען, שרייבט, אז דער גענעראַל טשאַנג-טסו-שאַנג איז א מאַן מיט „דריי לעכער אין זכרון": ער געדענקט נישט וויפיל געלט ער האָט, ער געדענקט נישט וויפיל מיליאָנען ער פערמאָגט און געדענקט נישט די צאָהל פון זיינע ווייבער. אַלס גובערנאַטאָר פון שאַנטונג האָט ער געהאַט א זעהר גוטע געלעגענהייט צו מאַכען גאַנץ לייכט זעהר גרויסע אוצרות און מיט דעם געלד זיך געוואָרפען אויף רעכטס און אויף לינקס.

גענעראַל טשאַנג-טסו-שאַנג איז געווען בעקאַנט אין גאַנץ כינע אַלס מענש מיט א גוואַלדיגער ליידענשאַפט צו שעהנע פרויען, אויף די פערשידענע פייערליכקייטען אין פעקין האָט מען איהם שטענדיג געקאָנט זעהן ארומגערינגעלט פון א צוויי טוץ געזעצליכע ווייבער. פאר די אייראָפּעאישע פרויען איז ער אָבער געווען די כפרה. אויב אַן'אייראָפּעאישע פרוי, וואָס ער האָט בעגעגענט אויף א באַל איז איהם געפעלען געוואָרען, האָט ער געקאָנט אויפ'ן אָרט אַראָפּנעמען די טייערע ציהרונג פון זיינע פרויען און עס אוועקשענקען דער אייראָפּעאישער דאַמע. זיינע ווייבער האָבען זיך אָבער נישט געפיהלט דערפון בעליידיגט, זיי האָבען געוואוסט, אז זייער מאַן, דער גענעראַל, וועט זיי דערפאַר, אין דער היים אָפּגעבען אַנדערע ציהרונג, פון נאָך א גרעסערען ווערט.

אין דעם הארעם פון דעם דאָזיגען גענעראַל האָבען זיך געפינען 70 געזעצליכע ווייבער פון פערשידענע פעלקער און לשונות, דערונטער אויך עטליכע רוסישע יונגע פירשטינס, וואָס זענען אַנטלאָפען פאר די באָלשעוויקעס אויפ'ן ווייטען מזרח. טשאַנג-טסו-שאַנג האָט זיך קיינמאָל נישט געשיידט מיט זיין הארעם. די שענסטע און געליבטסטע ווייבער האָט ער זיך אפילו מיטגענומען אויפ'ן פראָנט, וואו עס איז צוגעגאַנגען א מוראדיגע שלאַכט. מיינט אָבער נישט, אז ער האָט זיך בעגנוגענט בלויז מיט זיינע 70 געזעצליכע ווייבער. אין יעדער שטאָט און שטעטעל האָט ער געהאַט זיינע קעבס-ווייבער, אויף וועלכע ער האָט אויסגעגעבען א ממון מיט געלד. צו די דאָזיגע מיידלעך האָט ער זיך אָבער זעהר ברוטאַל בעצויגען. איינמאָל, ווען ער איז געזעסען מיט זיינע פריינד אין שאַנטונג, האָט ער פערבעטען א האַלב טוץ קאָכאַנקעס, אז זיי זאָלען פערוויילען די געסט מיט טענץ. די טענץ האָבען איהם אָבער אַזוי שטאַרק נישט געפעלען און נישט טראַכטענדיג לאַנג, האָט ער זיי אַלע א כאַפּ געטאָן פאר'ן קאַרק און זיי ארויסגעוואָרפען דורכ'ן פענסטער אין גאַס אַרײַן.

ווען טשאַנג-טסו-שאַנג האָט געזעהען, אַז זיין מפּלה איז נאָהנט און ער וועט זיך מוזען ארויספּעקלען פון פעקין, האָט ער צונויפגערופען אַלע זיינע ווייבער, געמאַכט פאר זיי א גרויסאַרטיגען באַל און זיך מיט זיי הארציג געזעגענט. דערביי האָט ער יעדער איבערגעלאָזט א מנה-יפה פון 50 טויזענד דאָלאַר, אויף נדן פאר אַנדערע מענער. ער אַליין האָט זיי ערקלערט, בעפרייט זיי, ווייל ער וועט בעגעהן זעלבסטמאָרד אײַדער דער שונא וועט אַרײַנקומען קיין פעקין.

טשאַנג-טסו-שאַנג איז אָבער נישט בעגאַנגען קיין זעלבסטמאָרד. אין דער לעצטער מינוט האָט ער זיך אָבער מיישב געווען און בעשלאָסען צו אַנטלויפען קיין מאַנדזשוריען.

איצט רוקט ער זיך ווייטער ארויס אין פאָדער-גרונד פון די געשעהענישען אין כינע.

אָנגעקומען אין רעדאַקציע.

„דער האַנדווערקער", אָרגאַן פון צענטראַלען יוד. האַנדווערקער-פאַרבאַנד אין לאָדז, פּאָלען. 4. נומער 1.

א שעהנע אויסגאַבע מיט א פילזייטיגען אינהאַלט: פּראָבלעמען פון דער האַנדווערקער-בעוועגונג, די קאָאָפּעראַציע און די האַנדווערקער, די האַנדווערקער און די זעלבסט-פערוואַלטונגען, אַקטועלע פראַגען פון דער בעוועגונג און אַנד. פּרייז 50 גר.

„בית יעקב", חודש-זשורנאַל, נומער 39-40 פון אָרגאַן פאר די אינטערעסען פון די בית-יעקב-שולען און אָרגאַניזאַציעס בנות אגודת ישראל אין פּוילען. ערשיינט אין לאָדז.

בעהאַנדעלט פראַגען פון ערציהונג, רעליגיע און ענינים פון די בית-יעקב-שולען. די בילדער ... פערהאַן אויך אַן'אָפּטיילונג אין פּויליש. 40 זייטען, פּרייז 1 זל' 60 גר.

„קינדער-גאַרטען", זשורנאַל פאר אָרטאָדאָקסישע שול-קינדער, ערשיינט אין לאָדז אַלס בײַלאַגע צום „בית יעקב".

א קליין ביכעלע מיט קלײנינקע מעשה'לעך פאר קינדער, טייל זאַכען גאַנץ לײַכט און שעהן אָנגעשריבען. פערהאַן אויך מעהרערע אילוסטראַציעס.

„דער קאָאָפּעראַטאָר", נומער 1. אָרגאַן פון אַלג. רעוויזיאָנס-פערבאַנד אין לעמבערג.

די נייע יוד. קאָאָפּעראַטיווע צייטונג מאַכט א גוטען אײַנדרוק א דאַנק די אַקטועלע, פּאָפּולער געשריבענע אַרטיקלען.

„נאַכט-שאָטענס", דראַמאַטישע פּאָעמע אין 3 אַקטען פון מ. פראַנקענטאַל.

די האַנדלונג קומט פאָר אין דער אונטערוועלט. צום סוף א פערצייכניש „פּלאַט-לשון". דאָס 124 זייטיגע בוך איז שעהן אַרויסגעגעבען.

„טאָג-ידיעות", מאָנאַטשריפט פאַרפּראַגען פון סאָציאַלע מעדיצין און היגיענע ביי יודען, דאָפּעל-נומער 1—2. פּרייז 40 גר.

די 42 זייטען שטאַרקע נומער ענטהאַלט ביז 10 באַמת אינטערעסאַנטע און גוט געשריבענע אַרטיקלען פון בעקאַנטע יודישע דאָקטוירים, ווי אויך קאָרעספּאָנדענצן, נאָטיצען און ביבליאָגראַפיע וואָס עס היגיענע ביי יודען. א נײַטרליכע אויסגאַבע, וואָס איז ווערט א ברייטע פערשפּרייטונג.

„פאָלקס-געזונט", צווייוואָכיגער צוטריטליכער זשורנאַל פאר היגיענע און מעדיצין. ערשיינט אין ווילנע. פּרייז 30 גר.

דער נומער 4 פון דאָזיגען פּאָפּולער-וויסענשאַפטליכען זשורנאַל אונטער דער רעד. פון ד"ר צ. שאַבאַד ברענגט, ווי שטענדיג, אינטערעסאַנטע און זעהר פּאָפּולער-געשריבענע מעדיצינישע אַרטיקלען, וועלכע עס איז באמת בראַוו צו לייענען.

* * *

צום אָנדענק פון ד"ר י. נ. שמחוני ערשינען א גרויס זאַמעל-בוך.

אין „אשכול" פערלאַג אין בערלין איז איצט ערשינען א ליטעראַריש-וויסענשאַפטליכער זאַמעל-בוך געווידמעט דעם אָנדענק פון'ם פערשטאָרבענעם לאָדזשער שריפטשטעלער אין פאָרשער ד"ר י. נ. שמחוני א. נ. „ציונים" אין זאַמעל-בוך בעטייליגען זיך פיל בעדייטענדע שריפטשטעלער און געלעהרטע: מ. עהרענפרייז, פּראָפ. י. מ. עלבאָגען, ש. אסף, פּראָפ. י. נ. עפּשטיין, ח. נ. ביאַליק, בר-טוביה, ד"ר ח. בוזאַדי, ש. בערנפעלד ד"ר ג. גאָלדמאַן, פּראָפ. י. דאַווידזאָהן, ד"ר ש. האַראַדעצקי, ש. טשערניכאָווסקי, פּראָפ. יעקב כהן, י. צ. מאַרקאָן, פּראָפ. מ. ד. בעיפּאַטאָ, ד"ר י. קלאַצקין, פּראָפ. ש. קרויס, רב צעיר א. א. צום זאַמעל-בוך איז צוגעגעבען צום פערשטאָרבענעם בילד, זיין ביאָגראַפיע און א פולע ביבליאָגראַפיע פון זיינע ווערק.

געוועלבער מוזען האָבען שילדען

(מ) אין הסכם מיט'ן אַרטיקעל 63 פון דער פעראָרדנונג וועגען אינדוסטריעלע רעכט, מוזען אַלע אונטערנעהמונגען, וואָס פערנעמען זיך מיט אינדוסטריע, אויפהענגען אין דרויסען א שילד, אָדער אַן'אויפשריפט אויף אַן'אָנזעהעוודיג אָרט.

אויף דער שילד דאַרף זיך געפינען דער נאָמען און פאַמיליען-נאָמען פון אייגענטימער און אויך וואָסערע אונטערנעהמונג דאָס איז. די אויפשריפט זאָל זיין לעזבאַר און קלאָר, אַזוי אַז עס זאָל נישט ענטשטעהן קיין שום ספקות צי דאָס איז א פּראָדוצענט אָדער א האַנדעלס-אונטערנעהמונג.

דער נאָמען און פאַמיליען-נאָמען אין דער שילד מוז זיין דער זעלבער, ווי עס איז אויפגעגעבען געוואָרען דורך דעם אונטערנעהמער אין אינדוסטריע-פּאַטענט אָדער אין האַנדעלס-רעגיסטער.

עס וועלען בקרוב ארויסגעפיהרט ווערען קאָנטראָלעס, צי די דאָזיגע פעראָרדנונג ווערט פינקטליך אויסגעפיהרט.

פאַר דער חופּה חרטה געקריגען אויפ'ן שידוך

די מחותנים געפינען אָבער א צווייטען חתן און פּראָוועז ווייטער די חתונה.

(ג) זעהען א מטשיקאַווען פערלויף פון א יודישער חתונה אין לאָדז, גיט מען אונז איבער פאָלגענדע כאַראַקטעריסטי-שע מאָמענטען:

מ. ש., א בעקאַנטע שעהנהייט פון אַלטשטאָט האָט בײַ א יאָהר צײַט זיך אַרומגעפיהרט מיט א יונגעמאַן; מען האָט געשמועסט, אַז אט-אט ווערט זי פאַר דעם בחור „פערלאָבט", ווײַל די „קאָלאָניע" בײַ זיי האָט שטאַרק גע-ברענט.

מיטאַמאָל אין מ. „קלוגער געוואָרען" און געגומען מענה'ן, אַז זי האָט סיי-ווי א נשקשה'דיגען נדן און דער יונג גע-פעלט איהר נישט צופיל. ס'האָט דערי-בער נישט לאַנג געדויערט און זי האָט דעם יונג געלאָזט שטעהען.

מיט דעם פאַל האָט גאַנץ אַלט-שטאָט זיך געקאָכט: היתכן, היינטיגע צײַטען גאָר ווארפען זיך מיט א יונגעמאַן?..

ס'האָט נאָרנישט לאַנג געדויערט און די שדכנים האָבען אָפּגעקלאַפּט די שוועל בײַ מ., איהר דערלאַנגט שידוכים „דאָ ווי'באַרו". דאָס אַלט-שטעטישע שעהנ-הייט האָט זיך אָבער נישט געשעהמט צו קלויבען די יונגעלייט און פיל פון זיי אויסבראַקירט, ביז זי איז לסוף געבלי-בען בײַ א לייטישען שנײַדער-בחור, א פּראַנט מיט אַלע בײַטשעוועקעס און דערי-צו נאָך מיט דער מעלה, וואָס ער איז בראַקטיש און ער „קוואַקעט" אויף א לייטישען נדן...

צו איהם האָט זי זיך בעצויגען פּראַק-טיש און האָט גוך געמאַכט תנאים מיט איהם.

אויף דעם פאָריגען דאָנערשטאָג איז געווען בעשטימט די חתונה פון דער אַלטשטעטישער שעהנהייט מיט איהר „געדערטען חתן". צו דער חתונה, וואָס איז פאָרגעקומען אין איינעם פון די לאָד-זער חתונה-זאַלען איז געקומען כמעט דאָס גאַנצע יודישע אַלט-שטאָט. מ'האָט זיך גערוכט דאָרט עפּיס צו זעהען און צו הערען.

ס'איז שוין מיט מזל נאָך בערעקענס. דער חתן אין סמאָקינג איז אָבער אָנ-גערדאָדעלט. ער ברוגז'ט זיך אויפ'ן מחותן, ווענען וועלכען מען דערצעהלט אויף אַלט-שטאָט, אַז ער האָט די אמת'-דיגע זשמעניע געלט און ווײַל א חתן וועט בײַ איהם נעמען, וועט ער געבען צו ווענינג אַז בערגליין מיט זײַן „קנופּ". ווען ס'האָלט שוין בײַ שטעלען די חופּה, שטעלט אַרויס דער „גערעדטער חתן" זײַן אולטימאַטום, אַז אויב מען וועט איהם תיכף נישט בעלעגען דעם גאַנצען נדן און מזומנים, וועט ער נישט גיהען צו דער חופּה.

אויפ'ן זאַל איז די שטימונג געוואָרען זעהר אָנגעשטרענגט. די כלה, א וואר-טענדע אויף דער נעגאַרטער חופּה, איז געזעסען אויפ'ן „כסא מלכות", אַרום איהר די „דרולנגעס", און דאָס האַרץ פּלאַצט איהר שיער נישט פאַר צרות, פאַר בושה, וואָס דער פּראַקטישער חתן טוט איהר אָן.

— יאַנטשע, — האָט געוויינט דער מחותן מיט דער מחותנת'טע — בוסט דאָך אונזער קינד, מיר וועלען דיר קײַן עולה נישט טון.

יאַנטשע איז אָבער קאַלט ווי א גזלן, און דער כלה'ס טרעהרען רוהרען איהם ווי דער פאַר-א-יאָהריגער שניי. דער חתן האָט אַלע געלאָזט שווינצען און און סמאָ-קינג מיט'ן קידושין-רינגעל אין קעשענע, איז ער אַנטלאָפען פון חתונה-זאַל.

די „ברכות", וואָס ער האָט געקריגען פאַר אַזא שטיקעל, בין איך איהם, יאַנ-טשע'ן, מוחל. אָבער, מיינט נישט, אַז די שמחה האָט זיך געענדיגט אַזוי טראַ-גיש, אַז די כלה מיט איהר טאַטע-מאַמע זענען געבליבען בלויז בײַם הלש'ן.

צווישען די חתונה-געסט האָט געמאַלד זיך געפונען דער שעהנער מ.'ס געליב-טער, וועלכער זי האָט געלאָזט „דאָ פּו-גירן" און זיך געלאָפּט צו דעם געדער-טען שידוך. דער דאָזיגער פערבעטענער גאַסט האָט אין דעם רעש מיט דעם אָנ-לאָפעניש חתן איבערגעלעבט „יתרו'ס ויחר": פון איין זײַט האָט איהם גע-פרעהט, וואָס מען האָט די כלה אַזוי אָנ-געלעהענט, און פון דער צווייטער זײַט האָט איהם געשמערצט פאַרוואָס דאָס מיידעל, פאַר וועלכער ער האָט „אַזויפיל האַרץ", זאָל מיאוס פערשעהמט ווערען. ער האָט זיך אַרומגעדרעהט צווישען עולם ווי אײַנער פון יענער וועלט און געטראַכט, צו ער זאָל שוין אַהיימגעהן. זײַנע מחשבות זענען איהם אָבער פלוצ-לינג איבערגעריסען געוואָרען.

צו איהם איז צוגעפאַלען דער כלה'ס מוטער, וועלכע האָט זיך פאַנאַנדערגע-וויינט אויף זײַנע אַקסלען און איהם צו-געפיהרט מיט א וואָרט צו דער בעטרוב-טער כלה.

די שעהנע מ. איז אויפגעשטאַנען פון איהר „טראָהן", האָט זיך צוקושט מיט איהר ערשטען געליבטען. דער בחור איז דאָ נאָכמעהר געווערט געוואָרען און האָט געפּרעגט דעם מיידעל:

— זאָג מיר, מ. צי דו האָסט נישט חרטה אויף דײַן האַנדלונג געגען מיר?

אָנשטאָט צו ענטפערן האָט די אַלט-שטעטישע שעהנהייט זיך צוויינט.

די געסט האָבען אָבער גערעאַגירט די סיטואַציע. מיט'ן הסכם פון מחותן האָט די מוזיק טוּפאַמאָל אָנגעהויבען שפּילען און די שעהנע מ. איז פון טאַטע-מאַמע געפיהרט געוואָרען צו דער חופּה נישט מיט דעם „געדערטען חתן", נאָר מיט דעם ערשטען געליבטען.

גאַסטשפּילען פון דאַראַ ווייסמאַן

(טעאַטער-נאָטיצען).

עס איז עפּעס פאַרגעקומען אין לאָד-זער יודישען טעאַטער. אַנשעל שאָר האָט דאָס טעאַטער צעטרייסעלט אין זײַנע פונדאַמענטען. נישט די אייגענע שוישפּילער, נישט די אייגענע אויסשטאַ-טונג און נישט דער אייגענער אַרט שפּילען, ווי תמיד. ער האָט דאָס טעאַ-טער גענומען אין זײַנע הענט און מיר איבערצייגען זיך, וואָס א גוטער רעזשי-סער קען מאַכען פון מיטעלמעסיגע אַר-טיסטען.

„ווייב און געליבטע", „אַרעסטאַנטקע נומער 49" און „די מאַמע פון דער וועלט" — דאָס זענען אַלץ אַמעריקאַנער פּיעסען, איינע בעסער, איינע ערגער, אָבער אַז דאַראַ ווייסמאַן שפּילט, פאַר-געסט מען אין דער עכטקייט פון דער פּיעסע און מען ווערט מיטגעריסען פון דער קראַפט פון איהר מעכטיגער טראַגיק.

„אַרעסטאַנטקע נומער 49" — אַפּאַבולע פון קרימינעלער כראָניק, צי פון א שונד-ראָמאַן. א פרוי א טייוועל און איהר ריוואַלין א פרוי א מלאך א צאַרטע מו-טער, פאַר וועמען די מוטערשאַפט איז דער העכסטער און איינציגער אידעאַל פון איהר לעבען. איינע אַנטקעגען דער אַנדערער. גראַנדגעל פון גוטס און שלעכטס. טײַוואָלאַנישער טריק און לײַדען פון דעם אומשולדיגען. פעררעט, קרבנות, טויט, תפיסה און מערטירערײַ. עס איז א ביליגער קינאָ-סצענאַר און ווי אין אַלע פּרימיטיווע פאָלקס-מעשיות מוז די גע-רעכטיגקײַט זיגען. אָבער וואָס פאַר א שטאָף פאַר א גוטער שוישפּילערין, וואָס פאַר א פעלד פאַר עמאָציעס, לירישע-דראַמאַטישע אויסגוסען, קאָנפליקט און גוראַנגעל.

עס איז א בעלאַסט פון שטאָף און מען דערקענט אַז דער רעזשיסער האָט בעזײַטיגט די לאַנגע טיראַדעס, און דער-מיט די פּיעסע געמאַכט פעסטער, די אַקציע געשטיינערטער.

אין צווייטען אַקט, וואָס איז דער שטאַרקסטער, איז די אַקציע דינאַמיש, סצענעס בײַטען זיך, איינע שוידערליכער פאַר דער אַנדערער און דער צושויער ווערט ממש דערדריקט פון די שוידער-ליכע בילדער. איז דען א וואונדער, וואָס דאַראַ ווייסמאַן, וואָס שאַפט אויף דער סצענע א כאַראַקטער, וואָס דערזאָגט דאָס אונדערזאָגטע דורכ'ן מחבר, וואָס פאַר-מאָגט אַזוינע וואונדערליכע מיטלען, אַזא מימיק, בעוועגונג און שטים, א שטים וואָס גיט אַרויס די פיינסטע ניואַנסען פון געפיהל, אַז דאַראַ ווייסמאַן טרייסעלט אויף דעם צושויער. דען דאָס טאַשען-טיכעל ווערט פון די אויגען נישט אַוועק-גענומען!

די בילדער אין תפיסה זענען שטאַרק. דאַראַ ווייסמאַן וואַרפט אָן א גרויל שוין מיט איהר געשטאַלט אַליין. אַזויפיל טראַ-גיזם אין דער פּויזע, אַזוי פיל שטימער צער אין איהר בעוועגונג, אַזוי שטיל לײַדען קען נאָר א באמת גרויסע קינסט-לערין. זי שאַפט א סצענישע ווירקלי-קײַט און וואַרפט זי אָן דעם עולם. אויס טעאַטער, אויס אילוזיע, מען ווערט אַרײַנגעקלאַמערט אין מיראַזש און מען לײַדעט מיט. און דאָס טעאַטער ווערט ממש צוטראָגען פון אַפּלאָדיסמענטען.

בנוגע די מיטשפּילער דערקענט מען די הענט פון רעזשיסאָר אַנשעל שאָר. די אַרטיסטען צייכענען זיך אויס מיט פערשטענדניש פאַר זייערע ראָלען.

מען וואָלט נאָך געדאַרפט דערמאָנען אין עטליכע ווערטער וועגען די קאָסטיו-מען, וואָס זענען באמת א זעלטענהייט אין יודישען טעאַטער. די דעקאָראַציאָס זענען גאַנץ געשמאַקפול, הגם פּרימיטיווע. דער סך הכל א געלונגענע פאָרשטעלונג.

P.

—o—

יודיש טעאַטער אין פילהאַרמאָניע זאַל — נאַרוטאָוויטש 20 —
אונטער דער לײַטונג פון א. בעזמאַן און א. קאָמפּאַניעץ

אַנשעל שאָר'ס אַמעריק. יודיש טעאַטער
גאַסטראָלען פון דער וועלט-בערימטער אַמעריקאַנער קינסטלערין
דאַראַ ווייסמאַן

אויפ'ן אַלגעמיינעם פערלאַנג פון פּובליקום פערבלייבען נאָך אויף א קורצע צײַט
אונזערע גרויסע געסט דאַראַ ווייסמאַן און אַנשעל שאָר

פרײַטאָג, דעם 15-טען, שבת, דעם 16-טען 9 אָוונד
פּרעמיערע! — צום ערשטען מאָל אין לאָדז — אַנשעל שאָר'ס נײַעסטע אויפפיהרונג — פּרעמיערע!
די שלאַנג אין גן-עדן
לעבענס-בילד מיט מוזיק אין 4 אַקטען פון יאָזעף רומשינסקי.

שבת, 4 נאַכט, מאָנטאָג, ד. 18-טען 9 אָוונד צו פּאָפּולערע פּרײַזען
דאַראַ ווייסמאַן אין איהר גרויסען שלאַגער
ווייב און געליבטע

זונטאָג, דעם 17-טען 9 אָוונד
ווייב און געליבטע
די הכנסה געהט לטובת הכנסת כלה, פון וואָלבאָרסקאַ 20.

דינסטאָג, מיטוואָך, דאָנערשטאָג — ווערט נישט געשפּילט.

אין אַלע פּיעסען נעמען אָנטייל לויט א. ב. פּריוען: בעזמאַן, באַריסאָוואַ, מאַכאַראָווסקאַ, נערה, פּאָדערמאַן, קאַראַני, קאָמפּאַניעץ. מענער: אַריעל, אײַזענבערג, באַלבירסקי, האַמבורגער, מאַכאַראָווסקי, מאַטקאָוו, נײַהויז, פּאָלאַנסקי, ישראל קאָמפּאַניעץ, ראַבינאָוויטש, ראַקאָוו.
אַדמיניסט.—מ. אַרנוואַלד. מוזיקאַלישע לײַט.: ל. זעלמאַן.
בילעטען צו בעקומען אין קאַסע פון טעאַטער פילהאַרמאָניע.

אַנאָנס!! נאָהענטסטע פּרעמיערע פון דאַראַ ווייסמאַן און אַנשעל שאָר שלאַגער פון אַלע אָפּערעטען
דײַן יודיש מיידעל
מיט 25 נומערן מוזיק, שעהנער באַלעט, נײַע דעקאָראַציעס,
ספּעציעלע קאַסטיומען, הערליכע עפעקטען, גרויסע אויסשטאַטונג.

לאָדזער קליינינקייטען

פּראָטעסטען און פּאָליטיק.

פּראָטעסטען איז אין לאָדז קײַן נײַעס נישט. זײַט לאָדז איז לאָדז, זײַט אויף לאָדז איז אַרויס דער ביטערער גזר, צו זײַן די שפּײַזערין פון מאַנופאַקטור, אַזוי לאַנג זענען אין לאָדז פּראָטעסטען אָנ'אַרטיקעל פון ערשטען געברויך.. וואו עפּעס א צרה, איז פּראָטעסטען. פּרעסט — פּראָטעסטען, פערפּלייצונג — פּראָטעסטען, רעגענס — פּראָטעסטען, הי-צען — פּראָטעסטען. איצט האָבען מיר אָבער אין לאָדז צווײַערלײַ פּראָטעסטען: פּראָטעסטען פון די פּרעסט, און פּראָ-טעסטען געגען פּראָיעקט פון הויכען דירה-געלד. א ים פון פּראָטעסטען. פון אַלע זײַטען שיטען זיך פּראָטעסטען, ווי א האַגעל.

פּראָטעסטען איז הײַנט א מאַסען-אַר-טיקעל בײַ די רעפּינטען, און אין די קאַנצעלאַריעס פון די מיניסטעריומס. די ערשטע פּראָטעסטירען, ווײַל זיי האָבען נישט מיט וואָס צו בעצאָהלען, און די צווייטע—ווײַל זיי האָבען נישט פון וואַ-נען צו בעצאָהלען...

איז טאַקע א שטאַרקער פּראָטעסט-סעזאָן געוואָרען אין לאָדז. „אחרי רבים להטות". אַזוי ווי ס'טוט כל ישראל, טוט אויך ר' ישראל. אײַנער פּראָטעסטירט, ווײַל ס'איז איהם נעבעך ביטער, און א צווייטער, ווײַל — פון דער קופּע ווערט שיטער... אײַנער פּערקוקט זיך אויפ'ן צווייטען. אַז ס'פּראָטעסטירט בעריל, פּראָ-טעסטירט אויך שמעריל. דער קונה פּראָטעסטירט דעם סוחר, דער סוחר דעם פאַבריקאַנט. דער פאַבריקאַנט דעם גאַרן-סוחר. דער גאַרן-סוחר דעם שפּינער א. ז. וו. א. אז. וו.

אַנדערש זענען אָבער די פּראָטעסטען געגען הויכען דירה-געלד. די דירה-געלד-פּראָטעסטאַנטען זענען נישט „אויס-געשטעלט", נאָר—אײַנגעשטעלט. די צרה איז נאָר, וואָס אויך די דאָזיגע פּראָ-טעסטען זענען געוואָרען אָנ'אַרטיקעל פאַר מענשען און קרײַזלעך, וואָס פּראָ-טעסטירען לשם רעקלאַמע. מ'וויל גע-פינען סימפּאַטיע בײַ דער מאַסע. מ'וויל זיך זעהען געדרוקט אין דער צײַטונג. הויז-בעזיצער רעדען אויף פערזאַמלונגען געגען פּראָיעקט און שרײַבען אונטער פּראָטעסט-רעזאָלוציעס, און אין דער היים זיצט מען און מ'זאָגט תהילים, אַז דער פּראָיעקט זאָל אדורכגעהן...

פּראָטעסטירט אָגראָדאָוואַ 10, פּראָ-טעסטירט אויך זאַוואַדזקאַ 5, פּיעטרי-קאָווער 6, פּאָלודניאָווא 4 און אַל. מאַי 2. יעדער שיקט אָפּ א בעזונדערען פּראָ-טעסט פון זײַנע מיטגלידער. וואָלט דען ניט געווען לײַטישער, ווען דאָס גאַנ-צע לאָדזער סוחר'טום צוזאַמען מיט דעם לאָדזער האַנדעלקערטום זאָלען אָפּהאַל-טען איין גראַנדיעזען מאַסען-פּראָטעסט, אי דאָס וואָלט געטראָגען א מאַסען-כאַ-ראַקטער, אי די ווירקונג וואָלט געווען א שטאַרקערע.

יא, אַזוי איז עס שוין בײַ אונז אין לאָדז: — יעדער מאַכט שבת פאַר זיך. יעדער קרײַזעל פיהרט זיך איהר בעזונ-דערע קרײַזעל-פּאָליטיק.

—זשאַן—

יעהרליכע פערזאַמלונג פון קאָלאָניאַל-קליינהענדלער-פעראיין.

זונטאָג דעם 10. ה. ח. איז פאָרגע-קומען און איינגענעם לאָקאַל, צונגעל גאַס 15 די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון קאָלאָניאַל-הענדלער-פעראיין. אין דער פערזאַמלונג האָבען זיך בעטײַליגט איבער 200 מיטגלידער. פאָרזיצענדער פון דער פערזאַמלונג איז געווען ה' הו-מעלפאַרב. די ה"ה גאָטליב און נאַלר-קאַרן האָבען אָפּגעגעבען דעם טעטיג-קײַטס- און קאַסע-בעריכט פון פעראיין. נאָך די בעריכטען האָט זיך ענטוויק-קעלט א לעבהאַפטע דיסקוסיע, אין וועלכער עס האָבען זיך בעטייליגט פיל מיטגלי-דער. צום סוף איז דער בעריכט גענומען געוואָרען צו קענטניס, און עס איז גע-קליבען געוואָרען א נײַע פערוואַלטונג.

זיך געפינען

אָריגינעלער ראָמאַן פון דער נײַער יודישער תקופה

פון י. ל. ליפשיץ

(פאָרטזעצונג).

פּראָפעסאָר אַרטהור שוסטער, סעקרעטאַר פון דער קעניגליכער געזעלשאַפט פאַר נאַטור-וויסענשאַפט אין ענגלאַנד; פּראָפעסאָר זעליג בראָדעצקי פון ליעדז; פּראָפעסאָר פאָדאָר פון כעמישען פאַקולטעט פון דער העברעאישער אוניווערזיטעט; פּראָפעסאָר ווײַסמאַן, פון אינסטיטוט פאַר די וויסענשאַפטען דער יודענטום.

דאָקטאָר יהודה ליב מאַגנוס האָט דאַן פאָרגעלעזען די בעשרײַבונג פון ווינ-קעלשטיין לעגען, און נאָכדעם ווי עס האָבען זיך אונטערגעשריבען אויף דער מגילה דער יודישער מושל שמואל דער ערשטער, לאָרד באַלפור און דר. חיים ווייצמאַן, איז די מגילה אַרײַנגעלעגט געוואָרען אין א קופּערנע קעסטעלע, וועלכע דער נציב האָט אַרײַנגעלעגט אונטער דעם ווינקעלשטיין אין גרוב. לאָרד באַלפור האָט אַרײַנ-געלעגט דעם ווינקעלשטיין און דער נציב, דר. חיים ווייצמאַן, נחום סאָקולאָוו, מ. מ. אוסישקין, אַלעקסאַנדער ישראל, דער רב הכולל פון ענגלאַנד, אברהם בן אברהם און דר. יהודה ליב מאַגנוס האָבען פערדעקט דעם שטיין מיט רודעלס ואַפּנע.

נאָכדעם זענען אַלע געסט געגאַנגען אין פּאַלאַץ פון נציב און אין דעם גראַנדיעזען הויפּט-זאַל פון דער רעגירונגס-הויז אויפ'ן הר הצופים איז דורכגעפיהרט געוואָרען די צערעמאָניע פון פאָרלעזען די אַלע ברכות וואָס זענען אָנגעקומען פון אוניווערזיטעטען און וויסענשאַפטליכע געזעלשאַפטען פון אַלע טיילען פון דער וועלט. עס איז געווען א פאָרטזעצונג פון דער הערליכער היסטאָרישער ערעפענונגס-צערעמאָניע פון דער העברעאישער אוניווערזיטעט.

אויף דער ביהנע איז געזעסען דער טשערמאַן דר. יהודה ליב מאַגנוס. רעכטס — דער נציב, חיים ווייצמאַן און נחום סאָקולאָוו. לינקס — לאָרד באַלפור, ארץ-ישראל גענעראַל-ראַט גאַרמאַן בענטוויטש, לואי דער שוויגער, אַלעקסאַנדער און שושנה מיט יהודית'ן.

דאָקטאָר מאַגנוס האָט מודיע געווען אַז עס זענען ביז איצט ערהאַלטען געוואָרען איבער פינף טויזענט טעלעגראַמעס און ברכה-בריוו, און דריבער וועט ער לעזען בלויז די וויכטיגסטע פון זיי, און נאָכדעם וועלען איבערגעגעבען ווערען מינדליכע און שריפטליכע ברכות פון די פּראָפעסאָרען און פערטרעטער פון די אוניווערזיטעטען און אַקאַדעמיעס, וועלכע זענען איצט דאָ אַנוועזענד.

ער לעזט פאַר א ברכה טעלעגראַמע פון באַראָן עדמאָנד דע ראָטשילד פון פּאַריז. לאָרד באַלפור לעזט פאַר א זעהר וואַרימען ברכה-בריוו פון דער קאַנאַדער רעגירונג, אויף וועלכען עס איז גע'חתמ'עט דער הויפּט פון דער רעגירונג מעקענ-זי קינג. דר. מאַגנוס לעזט פאַר א בריוו פון פּראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין צום יודישען נציב.

דער בריוו לײַטעט זיך ווי פאָלגט:

3-טער מאַרץ, 1925.

„נישט האָבענדיג, לײַדער, די מעגליכקײַט זיך צו בעטייליגען אין דער ערעפענונגס-פײַערונגען פון דער אוניווערזיטעט, פיהל איך אַלס מײַן פליכט צו שרײַבען אײַך איניגע שורות, ערב פון מײַן אָפּרײַזען נאָך דרום-אַמעריקא.

„פון דאַנען פאַהרט קײַן ירושלים א בערימטער דאָקטאָר, פון מײַנע גוטע פרײַנט, דירעקטאָר פון א גרויסען שטאָדטישען האָספּיטאַל, פּראָפעסאָר עהרמאַן, און נאָך פיל שריפטשטעלער. דער ענטפערנונגס-געפיהל ווערט אַלץ ווייניגער און שוואַכער אויף א וואונדערבאַרען אופן. איך וואָלט געוואָלט צוגעבען דאָ נאָך א וואָרט פאַר דר. שמײַניטיק, א יונגער אויסגעצייכענטער זאָאָלאָג, וואָס אַרבײַט פאַר דער גרינדונג פון אַנ'אינסטיטוט צו אויספאָרשען די חיות פון ארץ-ישראל. איך ווינש, אַז די עפענונג פון אוניווערזיטעט זאָל זײַן שעהן און אײַער פאַמיליע ווינש איך שעה'ן פון גליק און פרוכטבאַרער אַרבײַט, מיט פרײַנדליכע געפיהלען און פיל עהרע.

אײַער אַלבערט אײַנשטײַן".

אין זײַן בריוו צו דר. חיים ווײַצמאַן, וואָס דר. מאַגנוס האָט פאָרגעלעזען, זאָגט פּראָפעסאָר אײַנשטײַן, אַז אין דער עפענונג פון דער אוניווערזיטעט זעהט ער אַנ'ערפרעהענדען סימבאָל פאַר דער הצלחה פון דעם גרויסען צוועק צו וועל-כען דר. ווײַצמאַן האָט געווידמעט זײַן גאַנץ לעבען. די העברעאישע אוניווערזיטעט וועט ווערען א צענטער פאַר די יודען פון דער גאַנצער וועלט. אַנ'אָרט וואו עס וועלען זיך צונויפקלײַבען אַלע גרעסטע יודישע קאַפּאַציטעטען, און אויב דער אָנ-פאַנג פון אוניווערזיטעט איז קליין, וועט זי מיט דער צײַט זײַן ווירדיג פאַר איהר אָרט אין דער טראַדיציע פון פאָלק און פון לאַנד.

דערנאָך האָט דר. מאַגנוס פאָרגעלעזען א בריוו פון דעם בעוואוסטען פּראָ-פעסאָר זיגמונד פרויד, וועלכער האָט צוליב שוואַכען געזונט נישט געקענט קומען צו דער ערעפענונג פון אוניווערזיטעט, אויך בריוו פון דער אינדיאַנישער אוניווער-זיטעט, און פון פּרעזידענט פון דער אינדיאַנישער אוניווערזיטעט לאָרד אַלאַס.

נאָכהער האָט ער אויסגערופען די נעמען פון די אָנוועזענדע פּראָפעסאָרען דעלעגירטע פון אַקאַדעמיעס און וויסענשאַפטליכע געזעלשאַפטען לויט דעם אַלף-בית און יעדער אײַנער פון זיי געהט צו צו דער ביהנע און גיט איבער זײַן ברכה.

די ברכה-בריוו זענען געווען זעהר פיל, פון אַלע טיילען פון דער וועלט, געשריבען אין אַלערליי שפּראַכען און פיל אין העברעאיש.

דער נציב האָט איבערגעגעבען ברכות אין נאָמען פון דער אָקספאָרד אוני-ווערזיטעט. לאָרד באַלפור האָט איבערגעגעבען דרײַ ברכות, אין נאָמען פון צוויי אוניווערזיטעטען און פון דער בריטישער אַקאַדעמיע פון וועלכער ער איז דער דעלעגירטער.

פון דער קעמבריזשער אוניווערזיטעט האָבען איבערגעגעבען ברכות, סער רעינאַלד סטאָרס און סער אַרטור שוסטער.

גרויס אויפמערקזאַמקייט און אינטערעס האָט אַרויסגערופען דער דעלעגיר-טער פון דער עגיפּטישער אוניווערזיטעט, אכמאד לוטפי בעי, וועלכער האָט איבער-געגעבען זײַן ברכה צו דער העברעאישער אוניווערזיטעט אין ענגליש און אַראַביש.

צום סוף פון דער היסטאָרישער אײַנדרוקספולער פײַערליכקײַט, האָט זיך דער נציב אויפגעשטעלט און האָט מיט ליבע געקוקט אויף שושנה'ן מיט יהודית'ן.

— איהר זעהט! — האָט ער מיט שטאָלץ אויף זיי אָנגעוויזען. — אָט די צוויי שעהנע בלומען: די בלום פון ארץ-ישראל און די בלום פון יהודה! נאָר זיי צו פערדאַנקען פײַערען מיר איצט אונזער גרויסען יום-טוב. זיי האָבען מציל גע-ווען דעם קעניג פון גרויס בריטאַניען פון די רויטע הענט; זיי האָבען מציל גע-ווען די שיף „זבולון" פון די „רויטע פּיראַטען" און זיי צו פערדאַנקען געניסען מיר איצטער מזיו השכינה".

[illegible] אַלע אונזערע „טוריסטען הפּלדען" זענען אָנוועזענד געווען בײַ אַלע שמחה-פײַערונגען. פעליקס דער פילאַנטראָפּ האָט געגעבען א מתנה פינף און צוואַנציג טויזענד פונט צום אוניווערזיטעט, און דאָס זעלבע האָבען געטאָן די איבע-ריגע. זיי האָבען נאָכדעם בעזוכט די אָפּערע אין ציון-זאַל, וואו מען האָט געשפּילט „אַאידאַ". אַלס צייכען פון צופרידענהייט האָט דוד דער לץ און ס. לעמפּערט געגעבען א מתנה פון טויזענדער דאָלאַרס פאַר דער אָפּערע.

נאָך די גרויסע היסטאָרישע פײַערונגען האָט פּלוצלונג אָנגעהויבען רעגענען.

די ירושלים'ער אײַנוואוינער האָבען געטאַנצט פון שמחה לכבוד דעם שטאַר-קען רעגען, וואָס האָט אָנגעהאַלטען צוויי טעג. מען האָט געשאַצט, אַז דאָס וואַ-סער וואָס דער רעגען האָט געבראַכט, איז פאַר טרינקען אַליין אַסך ווערט 8 מיליאָן דאָלאַר, אויסער דעם וואָס די תבואה אויף די פעלדער און די פרוכטגע-טנער האָבען זעהר פיל פּראָפיטירט.

(דאָס ווײַטערע קומט).

די אראפגעפאלענע

(ענדע פון זייט 3)

לעהרער און גרויסע פֿיהרער.

און דא זענען די שטילע און פֿרומע לעהרער צוזאמענגעקלט געוואָרן, די שטורמ־דיגע מאסע האט זיי אוועקגעטראָגען מיט זיך, די מאסע האט אָנגעהויבען פֿיהרען די פֿיהרער.

און וואס די מאסע איז געוואָרען גרעסער און מעכטיגער, אלץ שוואכער און קלענער איז געוואָרען דער לעהרער און פֿיהרער. ביז ער איז אינגאנצען בטל בשישים געוואָרען, ער איז געוואָרען א שטויבעל, וואס ווערט געטראָגען פֿון דער מאסע.

זענען געקומען אזעלכע וואס האבען אונטערגעהערט די שפראך פֿון דער מאסע און האט מיט דער דאזיגער שפראך אָנגעהויבען רעדען צו אוהר, די מאסע אליין האט אָנגעהויבען רעדען, אליין פֿיהרען.

איז קיין זכר נישט געבליבען פֿון דער אמאליגער צילמינקייט, רוהיקייט און לוי־טערקייט.

און אונז נעהט עס אָפּ; די מאַסע קרוינט לעהרער און פֿיהרער, וועלכע רעדען, ווי זי, וועלכע דענקען, ווי זי.

זעה איך אמאליגע מלאכים, וואס רע־דען אונצט, ווי מארק־יודענעס, זעה איך אמאליגע פֿרומע ערלייזער, וואס רייסען זיך ווי בעלי עגלות, זעה איך אמאליגע נעסט־ריינינגער און נייסט־פוצער אויס־געשמירט אין בלאַטע, מיט בלוט־פֿער־לאָפֿענע אויגען און מיט קריצענדיגע צייהן.

אונצט וויל מען נישט לערנען די מא־סע, אונצט וויל מען זיך אונטערחנפֿ'ע־נען צו אוהר, אונצט וויל מען נים פֿיהרען די מאסע, מען לאזט זיך אונטערטרעטען און מיט א צביעות'דיגען שמייכעלע פֿיה־רען פֿון אוהר.

הערט אוהר, מיט וואס פֿאר א שפראך די מאסע רעדט ווענען וועלט־ערלייזונג גרויליג איך משש, עפעס א ווילדער חוזק שפילט ארויס פֿון דעם דאזיגען גרויסען וואָרט.

מיט אזא שפראך־לוים און מיט אזעל־כע שפראך־צינגעל קען מען קיין ליכטי־גע וועלט נישט אויפֿבויען, פֿינסטערע תפֿיסות קען מען אויפֿבויען פֿון אזא בוי־מאַטעריאל.

און פֿון אזעלכע מעטאָדען פֿון קאמף קען קיין בעסערע וועלט נישט געבוירען ווערען.

די בלויע ליפען פֿון אנ'ארורה וועלען דאך נישט ווערען מילד־רויט, ווען אוהר וועט זי ארײנפֿיהרען אין א נייע וועלט, א מונער וועט נים אויפֿהערען צו קריי־צען מיט די צייהן ווען אוהר וועט זיין שטויב ארײנשטעלען אין א מקום־קדוש.

די וועלט האט נאך נישט געהערט ביז אונזער צייט אזעלכע קללות, וועלכע מען הערט פֿון דער וועלט־ערלייזענדיגער מא־סע, די וועלט האט נאך קיינמאל נישט געהערט אזעלכע שוידערליכע בעליידי־גונגען, וואס די מאסע ווארפֿט אין פנים ארײן אוהרע נעגנער.

די קונפֿטיגע דורות וועלען, מסתמא, האלטען אונזער צייט פֿאר דער סאמע בארבארישסטער, זיי וועלען בשום אופֿן נישט גלויבען, אז אין קאמף פֿאר וועלט־ערלייזונג האט מען זיך בענוצט מיט אזעלכע שמוציגע ווערטער־געוועהר.

שוין מעהר ווי א האלב צעהנדליג יאהר, ווי עס געהט אן א מחלוקת אין דער יודישער ארבייטער־בעוועגונג, און וואס עס האט זיך אנגעקליבען פֿאר די־זענדער יאהרען שפראך־מיסט, ווערים־דיגע ווערטער, ווילדע קללות, חרמות, שוידערליכע זידעלע־ווערטער, שמוץ־רייד, וועלכע האבען קיינמאל קיין דיזענפֿעק־ציע נים געהאט, בעליידיגונגען פֿון וועל־כע דאס בלוט קען ממש פֿערגליווערט ווע־רען און בעשולדיגונגען, פֿאר וועלכע מען דארף קעמפֿען, אדער פֿערשפאַרען אין תפֿיסה, אלץ איז אויסגעגאָסען געוואָ־רען אין דער קורצער צייט.

זאָג איך מיר: אויב דאס, וואס די בייזע צדדים ווארפֿען איינע די אנדערע אין פנים ארײן איז אמת, זענען זיי פשוט פֿערברעכער־באנדעס, וואס קענען קיין שקומה נישט האבען און אונזער לעבען, דאס איז פשוט מענשליכער אפּ־פֿאל און עס איז פשוט א שאנדע, וואס אזעלכע מענשען רעדען פֿון אידעאלען און פֿון א בעסערער וועלט.

אויב עס איז נישט אמת איז עס נאך פֿיל ערגער; ווען מענשען קענען וואר־פֿען איינע די אנדערע אזעלכע שרעק־ליכע בעשולדיגונגען גלאט אין דער וועלט ארײן זענען זיי דאך סתם נישט ווערט, וואס די ערד טראגט זיי אויף זיך, וואָ־רום דאס איז שוין אזא מאראלישע פֿוי־לעניש, פֿון וועלכע מענשען דארפֿען אנט־לויפֿען.

און דאס ווערט געטון מאָג־טעגליך שוין מעהר פֿון פֿינף יאהר.

און ווילדעווען ווי בענומענע טוען דוקא די אמאליגע מלאכים, די וועלכע זענען אראפּ פֿון הימעל צו שטעלען א לייטער צווישען ערד און הימעל, די וועלכע זענען געקומען ריינינגען די וועלט פֿון זונד.

געפֿאלענע מלאכים זענען פֿיל ערגער פֿון געפֿאלענע פשוט'ע מענשען, וואָרום אזוי ווי די צדקות פֿון א מלאך האט קיין ברעג נישט אזוי האט קיין ברעג נישט זיין רשעות.

ארט מיך נישט די געפֿאלענקייט פֿון דעם מנין מלאכים, וועלכע האבען זיך אראפּגעלאזען אויף דער ערד און זענען געוואָרען זינדיג.

דאס בייזסטע איז, וואס די געפֿאלענע מלאכים גילטען נאך אלץ פֿאר מלאכים פֿאר א טייל פֿון דער מאסע, יענע האבען שוין קיין זכר פֿון פֿליגלען נישט, יענע האבען שוין זיך קיין ווייסע פונטעלע נים אבער זיי זענען נאך אלץ מלאכים און פֿארקעו זיך נאך אויף אונזער ערד מיט א לייטער, וואס דארף כלומר'שט פֿער־בינדען דעם הימעל מיט דער ערד.

פֿאר די דאזיגע מלאכים איז שוין דער וועג צום הימעל פֿערוואקסען מיט ווילדען גראז און זיי רעדען נאך אלץ וועגען א פֿרייען אויסגעטראָטענעם וועג צווישען הימעל, ערד און הימעל...

געווען אין מיין שטעטל א קצב־יונג איז שבת אין דער פֿרוה, ווען ער איז געווען אויפֿגעלעגט, האט ער צו'ממית'ט זיין ווייב, צו'הרג'עט זיינע קינדער, אונ־טערגעהאקט די פֿיס זיין שכנ'ס בהמה, וואס האט פֿערבלאנדזשעט אין זיין גאר־טען, ארײנגענומען א פֿאר פֿרעמדע הינ־נער אין זיין קאטוך, אונטערגעשלאגען די אויגען אנ'ארימאן, וואס איז געקומען בעטען א שטיקעלע ברויט און ווען ער האט אפּגעטוען די אלע זאכען איז ער אוועק אין בית המדרש מעכב הקריאה זיין פֿארוואס דער שמש גיט נישט געגונג ליכטלעך די ישיבה־בחורים, וואס ווילען לערנען שפעט אין דער נאכט, אדער פֿאר וואס לאזט קהל הונגערן דעם שטאָט־באק.

איך דערמאן זיך אן דעם דאזיגען קצב־יונג ווען איך זעה ווי אונזערע גע־פֿאלענע מלאכים נאכדעם, ווי זיי האָ־בען פֿערשוועכט און צעוועהטאָגט די גע־פֿיהלען פֿון א פֿאר מויז מענשען, נאכ־דעם ווי זיי האבען אלץ בעשפּיגען, פֿער־מאוס'ט און צוטרעטען ווי א ווארים די בעשעפֿעניש, וואס הייסט מענש און זי פֿעראומווירדיגט. קומען זיי רעדען ווע־גען קולטור, ווענען עכטע, אמת'ע קול־טור, ווענען קונסט, ווענען עכטער, אמת'ער קונסט, ווענען יושר, דוקא ווע־גען עכטען, אמת'ען יושר.

קיין בעשעפֿעניש קאן נישט זיין אזוי אונפֿערשעהמט, ווי דער מענש.

אלץ האט דער מענש געלערנט פֿון חיות, אלדאס בייז, וואס חיות פֿערמא־גען, פֿערמאגט דער מענש, אבער צביעות דאס איז א ריינע מענשליכע נורער־טרעכטיגקייט, און דעריבער איז זי טאקי די ערגסטע און די געמיינסטע אייגענ־שאפֿט.

א וואלף וועט זיך קיינמאל נישט פֿער־שטעלען פֿאר א שעפֿעלע, ער איז אלע מאל א וואלף, אבער רבי וואלף, דער מענש, האט הונדערטער פֿעלכלעך, אין וועלכע ער טוט זיך איבער.

רבי וואלף, דער מענש, צוקט דוקא מיט א ברכה, טרינקט בלוט מיט פֿער־גלאָצטע אויגען טוט די גרעסטע רש־עות'ן מיט א פֿרומען זיפֿצעלע און קרעכ־צעלע.

וועלף האבען זיך פֿערקליבען אונטער דעם כשר'ען פֿעלכעל פֿון סאציאליזם, אונטער דעם ליכטיגען אורעאל פֿון וועלט־ערלייזונג.

און אז אוהר דערזעהט אָפֿען זייערע וועלפֿישע ציין און כאפּט זיי ביי דער מלאכה פֿון צוקען. האבען זיי א קופּער־נעם שטערן און זאגען: מען מוז זיין א וואלף צו פֿערצוקען דאס בייזע אויף דער וועלט, כדי עס זאל בלייבען דאס לוי־טער גוטע.

און צו דאס גוטע, פֿערשטעהט זיך, וועט ער, דער וואלף, קיין בייז נישט טון היינט געה גלויב דעם וואלף...

——0——

פֿון היי־יעהריגען לייפּציגער יריד



די האלע, וואו עס זענען אויסגעשטעלט געוואָרען די מאדעלען פֿון מאדערנעם בוי־וועזען ציהט צו צו זיך די אויפֿמערקזאמקייט פֿון אלע בעזוכער.

געשיקטליכקייטס-אויטאמאטען

פֿון די נייעסטע סיסטעמען, קאנצעסיאנירט דורך דער לאדזער וואיעוואודזטווע זענען צו פֿער־פאכטען אויף דער גאנצער לאדזער וואיעוואודז־טווע דורך דער האנדעלס־אפּטיילונג פֿון קריגס־אינוואלידען־פֿעראיין און שיסער־פֿערבאנד אין לאדז אנדזשעיא 43. דארט ווערען ערלעדיגט אלע קאנצעסיע־אינפֿארמאציעס אויף די אויטאמאטען.

שטאפּעריגס

ווערען געזוכט ביי ב. האמער
פּיעטריקאווער 39

Dr. med. J. BETTE
צוריקגעקעהרט
ספּעציאליסט פֿאר אינערליכער און קינדער־קראנק
Piotrkowska 6, tel. 44-95
נעמט אן פֿון 8 ביז 11 און פֿון 4 ביז 6 אווענד

Dr. Niewiażski
האט זיך איבערגעצויגען
אויף אנדזשעיא 5, טעל. 59-40
נעמט אן פֿון 8—10 פֿריה און פֿון 5—9 אווענד.
ספּעציאל־ארצט פֿאר סיפֿיליס, טריפּער און מענער שוואכע בעהאנדלונג מיט קווארץ־שטראהלען.
פֿאר דאמען ספּעציעלער ווארטע־זאל.

פֿלעגט די פֿיס
PEDICURE
S. Łódzki



Traugutta 5 (Krótka) m. 10, tel. 70-37
נעמט אן פֿון 11—2 און פֿון 4—7 אָ. געוועזענער סיסטענט ביי מיסטער עלעמאן (הינער־אויגען־אנשטאלט אין לאנדאן). ספּעציאליסט צו בעזייטיגען הינער־אויגען און הארנהויט ווי ארייננעוואקסענע נעגעל אהנע שמערצן

Dr. med. J. LUBICZ
ORTOPEDA
גדאנסקא 28, טעל. 41-46
ספּעציאליסט פֿון ביינער און גלידער־קראנקהייטען
:—: פֿערקרימונגען פֿון פּלייצעס און גלידער. :—:
אייגענע פּראצאווניע
פֿון זעמטליכע ארטאפּעדישע אפּאראטען: ווי וואקלדקעס געגען פּלאטפֿוס, קינסטליכע פֿיס, ארטאפּעדישע גארסעטען א. ז. וו. נעמט אן פֿון 5—7

דרוקזאכן
אלערליי

ווערען שנעל, און פּראמפּט אין דער פֿיינסטער אויס־פֿיהרונג און די מאדערנסטע שריפֿט אויסגעפֿערטיגט.

קלעפּסידרעס
(מארדעס־אנצייגען)
ווערען אין פֿערלויף פֿון 2 שעה געדרוקט און אויסגעקלעפּט איבער דער גאנצער שטאט.

בוכדרוקעריי
ע. און מ. האמבורסקי
פּיעטריקאווער 16, טעל. 47.

מעכאנישע שלאסעריי און שווייסעריי
J. Reder, Łódź
Konstantynowska 11 róg Zachodniej
כ'נעהם אן פֿערשידענע מאשינען־רעפּעראטורען ווי צופּאסען פֿער־שידענע מאשינען־טיילען. און אויטאגענישע שווייסונגען.
שנעל און ביליג!
בעמ': פּריוואט־וואוינונג גדאנסקא 20 וו. 17.

היפּאטעקען־געלד

צו ביליגע צינזען
אויף בערלינער הייזער
בעזארגט שנעל
Ch. Regenwetter
Berlin S. 14, Stallschreiber № 33
Telefon: Dönhoff 4337.

MUSZTARDA
Palmo

ס'איז איבעריג צו קומען קיין לאדז.

מיר ערלעדיגען אלע ענינים אין די געריכטע און אין אלע מלוכה'שע, קאמונאלע און פּריוואטע אינסטיטוציעס אין לאדז, ווארשא, אין גאנץ פּוילען און אין אויסלאנד.
אינטערווענציעס, פֿערטרעטונגען, בעראטונגען, אינפֿארמאציעס, פֿערמיטלונג אין אלערליי ענינים; וועקסעל־אינקאסא, קלויזולעס. זאבעזפּיעטשעניעס אויסקונפֿטען און בעאבאכטונגען.
ביורא „ארגוס", לאדז, זאבאדניא 36
מיר זוכען קארעספּאנדענטען און מיטארבייטער
:—:—: אין אלע שטעט און שטעטלעך. :—:—:

אל תתהלל ביום מחר
כי לא תדע מה ילד יום.
לייג נישט אפּ אויף מארגען
נאר אז דו דארפֿסט ערלעדיגען סאנדאוועס
זאכען זאלסטו גלייך קומען צו לויפֿען אין ביורא
17 פּיעטריקאווער 17
52 זאנאדניא 52
וואו ס'ווערט ערלעדיגט און געשריבען גענויעסטנהאפּט לויט'ן אוסטאוו אלערליי בישען, קלאויזולעס, זאבעזפּיעטשעניעס אויף אלע שטעט אין פּוילען, אפּעלאציעס, ציווילנע און קארנע אפּאזיציעס, ארוואלאניעס, רעקורסען וועגען דירה אין אורזשאנד־ראזיעמטשי, וועגן פּעסער אין קאמיסאריאט־רושאנדו און אלע פּאליציי־בעצירקען, אקטען אינטערציזיעס, אקטען דא־ראווי נעם, קארנע סטראוועס, ווי אויך איבער־זעצונגען אין אלע שפּראכען. ספּעציאליסט פֿון שותפֿות־אקטען. מיט אכטונג
י. מאנעלא רעכט־קאנסולענט

זאפֿארט אָפּצוגעבען
א פּראנט־געוועלב
סקאלנא 28, ביי קליגערמאן. 1170

[illegible]
— א —
טיכטיגע
פֿערקויפֿערין
זי אויך א שיק־יונגע מיט מיטעלע בילדונג. אפֿערטען אונטער „פֿערקויפֿערין" אין אונזער אדמיניסטראציע. 1174

א לערן־יונגעל
אין עלטער פֿון 15 — 16 יאהר ווערט געזוכט. זיך מעלדען צו פּ. קארנאווסקי, פּיעטריקאווער 48

השבת אבדה
ארומגעהענדיג נעכטען פֿון גמינע האב איך פֿערלוירען 50 זל. דער עהרליכער פֿינדער ווערט געבעטען רחמנות צו האבען אויף אנ'ארבייטס־לאזען און דאס געלד אפּצוגעבען אין רעדאקציע „לאדזער טאגעבלאט" פֿאר „ארבייטסלאזען" דאס געלד איז געווען פֿרעמדעס. 1178

וויספּ־דערונג
זייענדיג פֿאדער איך אויף ה' יוסף קאזשוך צו קומען אין משך פֿון 5 טעג צו דער ד"ת אצל הרב ז"ל פֿליישהאקער נאוואמיעסקא 4, אין גע־גענפֿאל וועל איך זיין געצוואונגען איבערצוגע־בען איהם צום דין עכו"ם
יצחק שלאמאוויטש.

Inteligentna rodzina poszukuje pana lub panną na mieszkanie. Zgłosić się ul. Brzezińska 13, m. 38, lew. ofic. II wejście II piętro. 1179

געלעגענהייטליך
צוליב אפּרייזען צו פֿערמיטען 1 צימער 3־טער שטאק זיעלאנא 55 יצחק ווינער וואוינונג 25.

וויכטיג פֿאר דאמען!
מאכט איך די עלעגאנטסטע דאמען־היטע נאך דער לעצטער פּאריזער מאדע און די עלטעסטע היטע איבער־ארבייטע איך אויף גענצליך ניי. געדענקט די אדרעס: זאוואדזקא 23 אין הויף. 2־טען איינגאנג, לינקס פּארטער.
פֿאר נאר 2.50 זל.
בעמ. צום יעצטיגען סעזאן ווערט געמאכט אלע ארט שטרוי־היטען, פֿילץ מיט שטרוי אויך זיידענע היטען צו שפּאט ביליגע פּרייזען — — — נאר פֿאר 5 זל.
„TOLA"

אבאנעמענטס־פּרייז: פֿאר א חודש אין פּוילען 5 זל., אין פֿראנקרייך און בעל־גיען 20 פֿראנק, אין אנדערע לענדער — 1,25 דאלאר.
אנאנסען־פּרייז: פֿאר א פּעטיטצייל־שורה פֿאר; טעקסט 18 גראשען, פּרימע 25 גר., אין טעקסט 40 גר., פּרימע 60 גר., [illegible] פֿאר אויסלענדישע אנאנסען 100% טייערער. אויסער דער שטאט — ביז 60% טייערער. פֿון די פּרייזען ווערט נישט [illegible]

Redakcja-wydawca E. Hamburski

Tłocznia: E. i M. Hamburskich w Łodzi, Piotrkowska 16.